בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה און
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

פָּרָשַׁת וַיַּקְהֵל פְּקוּדֵי

תשפ"א

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

**היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**
Heichal Hakodesh
Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

**קול**
**ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די**
**אידישע שטוב**
**212-444-9169**

## חיזוק יומי

**צו באקומען די חיזוק יומי**

**אימעיל**
chizikyomi@gmail.com

**טעלעפאון מעסידזשינג**
347-630-2876

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


דִי אַלֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן אִיז דֶען נָאר אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶ זַאךְ?......... א
וֶוען דַארְף מֶען אַלְץ וַואשְׁן דִי הֶענְט?......... ד
וִוי אַזוֹי שְׁטֶעלְט מֶען אַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ בַּיים שִׁיעוּר?......... ה
זָאל אִיךְ אָנְטוּן וַוייסֶע זָאקְן אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ?......... ו
אִין מַיין יְשִׁיבָה מַאכְט מֶען חוֹזֶק פוּן בְּרֶסְלֶב, וִוי אַזוֹי דֶערְהַאלְט אִיךְ זִיךְ?......... ז
מֶען הָאט מִיר זֵייעֶר אַרָאפְּגֶעקְלַאפְּט אַלְס קִינְד, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ שְׁטַארְקְן?......... ח
וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ רַאטֶעוֶוען פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע?......... יא


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


מֶען דַארְף קֶענֶען דִי הֲלָכוֹת זֵייעֶר קְלָאר......... א
עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג צוּ חַזֶר'ן דִי הֲלָכוֹת......... א
וֶוען מֶען לֶערְנְט נַ"ךְ וֶועקְט מֶען זִיךְ אוֹיף צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן......... ב
זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן......... ב
דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אַ יִשּׁוּב הַדַעַת......... ג
טְשֶׁעפֶּען דִי וַוייבּ אִיז נִישְׁט קַיין קִינְדֶער שְׁפִּיל......... ג
פֶּסַח בַּיינַאכְט אִיז אַ מִצְוָה צוּ לֵייגְן וָואס מֶער שֵׁיינֶע כֵּלִים אוֹיפְ'ן טִישׁ......... ד

וִוי פְרִיעֶר מֶען קֶען חֲתוּנָה הָאבְּן וֶועט מֶען הָאבְּן שֶׁענֶערֶע יָארְן.........ה

דִי וָואס פִירְן זִיךְ בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת - דִי דֶערְהַאלְטְן זִיךְ..............ח

אַרַיינְפְלֶעכְטְן לוֹיבּ וֶוערְטֶער אִין סֵפֶר תְּהִלִים..............................י

אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַיֶ' מִיט דַיין "כֶּתֶר" פַארְ'ן עָמוּד..............................י

דֶערְהַאלְט זִיךְ נָאךְ אַבִּיסְל, אֲפִילוּ עֶס אִיז שְׁוֶוער............................יא

פֶּסַח פְּרַאוֶועט מֶען אִין שְׁטוּבּ.............................................יב

אַ שְׁטַארְקֶע דִיסְצִיפְּלִין קֶען נָאר זַיין מִיט אַ שְׁטַארְקֶע לִיבְּשַׁאפְט.....יב

גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער אִיבֶּער דִי מָאס.......................................יג

עֶס זָאל דִיר גָארְנִישְׁט אָנְגֵיין.............................................יד

מַאךְ דִיר אַ גוּטֶע סֵדֶר אִין לֶעבְּן.........................................יד

נָאר אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ? נָאר אִיךְ גֵיי אַרִיבֶּער שְׁוֶועְרִיקַייטְן?.............טו

אַז מֶען הָאט גוּטֶע חֲבֵרִים, קֶען מֶען צוּקוּמֶען צוּ שֵׁיינֶע זַאכְן............טז

אוֹיבּ דִי מוֹיל אִיז פַארְשְׁטָאפְּט, קֶען מֶען פוּן דֶעם אַלֵיינְס מַאכְן
הִתְבּוֹדְדוּת...................................................................יז

הֵייבּ אָן פוּנְדָאסְנֵיי.......................................................יז

דִבְרֵי הֶסְפֵּד אוֹיף כְּבוֹד קְדוּשַׁת הַגָאוֹן הַצַדִיק גַאַבַ"ד קַארְלְסְבּוּרְג
זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.........................................................יח

אִיר דַארְפְט גֵיין אִינְאֵיינֶעם צוּ אַן עֶרְלִיכֶער רֶב וָואס זָאל אַייךְ מַדְרִיךְ
זַיין..........................................................................כ

מֶען צִיט זִיךְ נִישְׁט אַוֶועק פוּן אֵיין לַאנְד צוּם צְוֵוייטְן צוּלִיבּ
פַּרְנָסָה.......................................................................כא

נֶעם דֶעם רֶבִּי'ן פַאר דִיר, מַאךְ נִישְׁט קַיין רַעַשׁ אוּן קַיין טוּמְל.........כב

דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה גֵייעֶן אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ.........כג

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## דִי אַלֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן אִיז דֶען נָאר אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶ זַאךְ ?

### שְׁאֵלָה :

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַּארְ'ן זַיין דֶער קוֹל שׁוֹפָר אִין דִי הַיינְטִיגֶע צַייטְן אוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן אִידִישְׁקֵייט מִיט אַ שִׂמְחָה אוּן גֶעשְׁמַאק. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן כֹּחַ וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין מִיט אַייעֶר עֲבוֹדַת הַקוֹדֶשׁ גֶעזוּנְטֶערְהֵייט אוּן אוּמְגֶעשְׁטֶערְט.

אִיךְ שְׁרַייבּ מַיין שְׁאֵלָה צוּ אַייךְ, אָבֶּער קֶען זַיין אַז אִיר זֶענְט נִישְׁט דֶער וָואס דַארְף דָאס עֶנְטְפֶערְן. אִיךְ לֵיין אַסַאךְ דִי גִלְיוֹנוֹת אוּן קוּנְטְרֵסִים, אוּן אִיךְ הָאבּ שְׁטַארְק הֲנָאָה פוּן דִי נוֹשְׂאִים וָואס מֶען רֶעדְט אַרוּם, צִי עֶס אִיז וֶועגְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז שָׁלוֹם בַּיִת דַארְף זַיין דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ, אִיבֶּער דִי דֶרֶךְ הַלִימוּד אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אַלֶע גוּטֶע עֵצוֹת. אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ פַארְוָואס הֵייסְט דָאס דִי "בְּרֶסְלֶבְ'עֶר" דֶרֶךְ? אִיז דָאס דֶען נִישְׁט דִי עִיקָר עֲבוֹדָה פוּן יֶעדְן אִיד? פַארְוָואס אִיז דָא אַזַא הִתְנַגְדוּת צוּ "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ"?!

ווִילְסְט נִישְׁט מַאכְן אַ שָׁעָה הִתְבּוֹדְדוּת? פֵיין, אָבֶּער רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין וֶועלְכֶע שְׁפְּרַאךְ מֶען ווִיל - אִיז דֶען "בְּרֶסְלֶב"? אוּן זַייט וֶוען אִיז זִיךְ אוֹיפְפִירְן שֵׁיין אִין שְׁטוּבּ גֶעוָוארְן אַ "בְּרֶסְלֶבְ'עֶר" דֶרֶךְ? צוּ וֶועם דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיפְפִירְן שֵׁיין אוֹיבּ נִישְׁט צוּ דִי וַוייבּ? אוּן וֶועגְן דֶעם דֶרֶךְ הַלִימוּד הָאבּ אִיךְ אַסַאךְ מָאל גֶעהֶערְט פוּן אַן עֶרְלִיכְן אִיד אַז אוֹיבּ הָאט מֶען נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד צוּ לֶערְנֶען גְמָרָא, זָאל מֶען כָאטְשׁ לֵיינֶען סִיפּוּרֵי צַדִיקִים, אִיז דֶען דֶער דֶרֶךְ הַלִימוּד וֵוייניִגֶער חָשׁוּב פוּן דֶעם?

וֶוען אִיךְ הֶער פוּן אֵיינֶעם אַז עֶס שְׁמֶעקְט אִים נִישְׁט דֶער מְהַלֵךְ פוּן "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ" טְרַאכְט אִיךְ צוּ מִיר: 'רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, מִיט וֶועלְכֶע פוּן דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע עִנְיָנִים פִּילְט

עֶר זִיךְ פְרֶעמְד אַז עֶר מוּז אַוֶועקְמַאכְן בְּרֶסְלֶב?'

נָאכְאַמָאל אַ גְרוֹיסְן יִישַׁר כֹּחַ פַארְ'ן זַיין אַזַא קוֹל יָחִיד אוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן "אִידִישְׁקֵייט".

יִישַׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י"ח אֲדָר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז אַ טָעוּת, דוּ מֵיינְסְט אַז בְּרֶסְלֶב אִיז אַ נֵייעֶ וֶועג, דוּ מֵיינְסְט דֶער רֶבִּי הָאט מְחַדֵּשׁ גֶעוֶוען נֵייעֶ זַאכְן; דֶער רֶבִּי הָאט גָארְנִישְׁט מְחַדֵּשׁ גֶעוֶוען, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (עַיֵּין חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רפט; שצב) "אִיךְ פִיר עֶנְק אוֹיף אַן נֵייעֶם וֶועג וָואס אִיז אַן אַלְטֶע וֶועג, דִי וֶועג פוּן אַבְרָהָם, יִצְחָק אוּן יַעֲקֹב".

עֶס הָאט אַמָאל פַּאסִירְט בַּיים רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְ'ן וֶועג וֶוען דֶער בַּעַל עֲגָלָה הָאט גֶעזֶען אַז דֶער וֶועג אִיז אָנְגֶעלֵייגְט, אַ וָואגְן הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט אוּן דָאס הָאט אוֹיפְגֶעהַאלְטְן דִי גַאנְצֶע וֶועג, אִיז דֶער בַּעַל עֲגָלָה אַרָאפּ פוּן וֶועג, עֶר הָאט גֶענוּמֶען אַ זַייטִיגֶע וֶועג אוּן גֶעזָאגְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן: "אִיךְ בִּין אַרָאפּ פוּן וֶועג, אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען אַ זַייטִיגֶע וֶועג וָואס פִירְט צוּרִיק צוּם אַלְטְן וֶועג", הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אָנְגֶערוּפְן: "דָאס טוּ אִיךְ; אִיךְ בִּין אַרָאפּ פוּן וֶועג, אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען אַ נֵייעֶם טְרָאק, אָבֶּער דֶער טְרָאק פִירְט צוּרִיק צוּם אַלְטְן וֶועג, דִי וֶועג פוּן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן", דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דֶעם בַּעַל עֲגָלָה: "אַמָאל אִיז גֶעוֶוען דֶער וֶועג צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד דוּרְךְ פַאסְטְן אוּן זִיךְ פַּיינִיגְן, אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען אַ וֶועג פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; אַנְשְׁטָאט פַאסְטְן אוּן זִיךְ פַּיינִיגְן זָאל מֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן (פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק, סִימָן תתקפ"ד)".

דֶער וֶועג פוּן הִתְבּוֹדְדוּת אִיז אַן אַלְטֶע וֶועג, אוֹיף דֶעם וֶועג הָאבְּן דִי אָבוֹת הַקְּדוֹשִׁים גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַנְשְׁטָאט זִיךְ פַּיינִיגְן מִיט סִיגוּפִים אוּן פַאסְטְן תַּעֲנִיתִים אִיז דָא דִי וֶועג פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, הִתְבּוֹדְדוּת אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶע עֲבוֹדוֹת (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן כה); וֶוען מֶען גֵייט אוֹיף דִי וֶועג

קוּמְט מֶען אָן זַייעֶר הוֹיךְ, מֶען וֶוערְט צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער מֹחַ וֶוערְט אוֹיסְגֶערֵיינִיגְט.

אַלֶע צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דִי עֲבוֹדָה. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ק): "מִקָּטָן וְעַד גָּדוֹל אִי אֶפְשָׁר לִהְיוֹת אִישׁ כָּשֵׁר בֶּאֱמֶת, כִּי אִם עַל יְדֵי הִתְבּוֹדְדוּת", מֶען קֶען נִישְׁט זַיין קַיין עֶרְלִיכֶער אִיד נָאר אַז מֶען מַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת; דָאס הֵייסְט, מֶען זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי שְׁפְּרַאךְ וָואס מֶען אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן, מֶען זָאל אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן - אַלֶע יְרִידוֹת, אַלֶע נְפִילוֹת וואוּ מֶען פַאלְט אַרָאפּ אוּן אַלֶעס וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע רֶעדְט אַיין דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט תַּאֲווֹת רָעוֹת אוּן עֲבֵירוֹת.

אִין אָנְהֵייבּ אִיז שְׁוֶוער דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט - מַאכְט עֶר אַ מְחִיצָה צְוִוישְׁן זִיךְ אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אָבֶּער אַז מֶען עַקְשְׁנְ'ט זִיךְ, מֶען מַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת אֲפִילוּ מֶען שְׁפִּירְט גָארְנִישְׁט אִין אָנְהֵייבּ, אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ וֶוערְן צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

פְרֶעג אִיךְ דִיר, וָואס אִיז דָא צוּ קְרִיגְן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער? דִי אַלֶע וָואס רֶעדְן אוֹיף בְּרֶסְלֶב, וֶוען זֵיי וָואלְטְן וֶוען גֶעוְויסְט בֶּאֱמֶת וָואס אִיז בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידוּת, נִישְׁט נָאר זֵיי וָואלְטְן נִישְׁט גֶערֶעדְט אוֹיף בְּרֶסְלֶב, נָאר זֵיי וָואלְטְן אַלֶע גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי"ן מִיט דִי קִינְדֶער. דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶועג אִיז נִישְׁט קַיין נֵייעֶ וֶועג, עֶס אִיז אַן אַלְטֶע וֶועג; דִי אַלֶע וָואס קְרִיגְן וֵוייסְן נִישְׁט וָואס בְּרֶסְלֶב אִיז.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קפב): "עָלַי אֵין חוֹלְקִים כְּלָל, רַק הֵם חוֹלְקִים עַל מִי שֶׁעָשָׂה כָּךְ, כְּמוֹ שֶׁבּוֹדִים הַחוֹלְקִים עָלָיו, וְעַל אִישׁ כָּזֶה בְּוַדַּאי רָאוּי לַחֲלֹק", זֵיי קְרִיגְן נִישְׁט אוֹיף מִיר, זֵיי קְרִיגְן אוֹיף אֵיינֶעם וָואס מֶען זָאגְט אוֹיף אִים דִי אַלֶע לָשׁוֹן הָרָע'ס אוּן אוֹיף אִים דַארְף מֶען קְרִיגְן, אוֹיף אַזַא אֵיינֶעם קְרִיג אִיךְ אוֹיךְ; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "זֵייא הָאבִּין זִיךְ אוֹיס גִישְׁנִיצְט אַ מֶענְטְשׁ אוּן קְרִיגְן אוֹיף אִיהם", אוֹיף אִים קְרִיג אִיךְ אוֹיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### װען דאַרף מען אַלץ װאַשן די הענט?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דער ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

איך האב געוואלט פרעגן אַ שְׁאֵלָה; מיר האט מען מְחַנֵךְ געווען פון אַלס קינד אַז אֲפִילוּ מען גייט נאר סְתָּם אַריין אין בֵּית הַכִּסֵא אדער ביי אַ וואנע, אדער אויב מען רירט אָן די שִׁיךְ, און אַזוֹי וַוייטער, דארף מען אויך וואשן די הענט, און אַזוֹי בין איך מְחַנֵךְ אויך מיינע קינדער. ביי מיין ווייבּ'ס מִשְׁפָּחָה איז דאס אבער נישט איינגעפירט, פאר מיין ווייב האט מען געזאגט אַז דאס איז סְתָּם נערוועז, און עס פעלט נישט אויס צו וואשן די הענט ווען מען גייט סְתָּם אַריין פאר אַ מִינוּט אין בֵּית הַכִּסֵא אדער ווען מען רירט אָן די שִׁיךְ.

איך האב געזאגט פאר מיין ווייב אַז וואשן די הענט קען נאר ברענגען מער קְדוּשָׁה, נישט דאס פארקערטע, זי וויל אבער וויסן אויב עס איז טאקע אַ זאך וואס פעלט אויס צו טון.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י״ט אֲדָר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

איך האב ערהאלטן דיין בְּרִיווּ.

אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקֶךָ אַז דו לייגסט אַריין אין דיינע קינדער יִרְאַת שָׁמַיִם, זיי זאלן זיך וואשן די הענט ווען זיי גייען אַריין אין בֵּית הַכִּסֵא און זיך וואשן די הענט ווען מען כאפט אָן די שִׁיךְ; אַזוֹי איז די הֲלָכָה, אַז מען גייט אַריין אין בֵּית הַכִּסֵא, אדער מען כאפט אָן שִׁיךְ - ווערט מען טָמֵא און מען דארף זיך וואשן די הענט (שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִּים סִימָן ד׳, סְעִיף יח).

אַזוֹי אויך איז מִנְהַג יִשְׂרָאֵל תּוֹרָה אַז מען כאפט אָן בַּעֲלֵי חַיִּים טְמֵאִים וואשט מען זיך די הענט, מוֹהֲרַא״שׁ זאגט (אֲשֶׁר בַּנַּחַל חֵלֶק כ, מִכְתָּב ב׳ תתקנד):

״אֲפִילוּ עַל פִּי הֲלָכָה דארף מען נישט וואשן די הענט ווען מען כאפט אָן

בַּעֲלֵי חַיִים טְמֵאִים, דָאךְ פִּירְן זִיךְ עֶרְלִיכֶע אִידְן וֶוען מֶען כַאפְּט אָן אַ הוּנְט אָדֶער אַ קַאץ וְכַדוֹמֶה, וַואשְׁט מֶען זִיךְ דִי הֶענְט"; מוֹהֲרָא"ש בְּרֶענְגְט פוּן סֵפֶר יָפֶה לַלֵב (חֵלֶק א׳ סִימָן ד, סְעִיף קָטָן כד): "מִי שֶׁנּוֹגֵעַ בְּגוֹי אוֹ בְּיִשְׂרָאֵל מוּמָר שֶׁהֵם בְּחַיֵּיהֶם כְּמֵתִים", וֶוער עֶס רִירְט אָן אַ גוֹי אָדֶער אַ גֶעפַאלֶענֶער אִיד וָואס זֵיי זֶענֶען בַּיים לֶעבְּן אַזוֹי וִוי טוֹיטֶע מֶענְטְשְׁן, "שֶׁצָּרִיךְ נְטִילַת יָדַיִם", דַארְף זִיךְ וַואשְׁן דִי הֶענְט, "וְהוּא הַדִּין בְּמִי שֶׁנָּגַע בְּבַעֲלֵי חַיִּים טְמֵאִים", אַזוֹי אוֹיךְ וֶוער עֶס רִירְט אָן בַּעֲלֵי חַיִים טְמֵאִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן רֵיין אוּן הֵיילִיג.

...

## וִוי אַזוֹי שְׁטֶעלְט מֶען אַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ בַּיים שִׁיעוּר?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מִיר מַאכְן יֶעדֶע וָואךְ אַ חַבוּרָה בַּיי אוּנְז אִין שְׁטָאט צוּ הֶערְן אִינְאֵיינֶעם אַ שִׁיעוּר פוּנֶעם ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, עֶס זֶענֶען אָבֶּער דָא אַזֶעלְכֶע וָואס רֶעדְן בַּיים שִׁיעוּר אוּן דָאס שְׁטֶערְט פוּן קֶענֶען גֶעהֶערִיג אוֹיסְהֶערְן אוּן מִיטְהַאלְטְן. וָואס קֶען מֶען טוּן אַז עֶס זָאל זַיין שְׁטִיל בַּיים שִׁיעוּר, אַז דֶער עוֹלָם זָאל זִיצְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ?

הַיינְט אִיז בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶעוֶוען אַ שֵׁיינֶע חַבוּרָה, אוּן מִיר הָאבְּן זִיךְ שְׁטַארְק מְחַזֵק גֶעוֶוען.

אוֹיךְ וִויל אִיךְ וִויסְן וֶוען עֶס וֶועט זַיין אַ שִׁיעוּר פַאר פְרוֹיעֶן, וַוייל פְּרוֹיעֶן רוּפְן מַיין וַוייבּ אַז זֵיי וַוארְטְן שׁוֹין אוֹיף דֶעם.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י"ט אֲדָר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מוֹדִיעִין עִילִית, בְּרַאכְפֶעלְד**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

מֶען קֶען נִישְׁט מְקַבֵּל זַיין תּוֹרָה פוּן אַ רֶבִּי נָאר אוֹיבּ עֶס אִיז דָא דֶרֶךְ

אֶרֶץ; אוֹיב מֶען שְׁמוּעֶסְט בִּשְׁעַתְ'ן שִׁיעוּר אִיז עֶנְדֶערְשׁ נִישְׁט צוּ מַאכְן קַיין שִׁיעוּר, אוֹיב וִוילְט אִיר מַאכְן אַ שִׁיעוּר דַארְף דָאס זַיין מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ.

וֶוער עֶס גֶעדֶענְקְט, וֶוען מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט גֶעבְּן אַ שִׁיעוּר פְלֶעגְט זַיין אַ שְׁטַארְקֶע דֶרֶךְ אֶרֶץ, אוֹיב אֵיינֶער הָאט גֶעוָואלְט שְׁמוּעֶסְן פְלֶעגְט מוֹהֲרָא"ש אִיבֶּערְהַאקְן דֶעם שִׁיעוּר אוּן זָאגְן יֶענֶעם נִישְׁט צוּ רֶעדְן, וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט מְקַבֵּל זַיין נָאר מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, א): "דֶּרֶךְ אֶרֶץ קָדְמָה לַתּוֹרָה"; וַוייל דִי תּוֹרָה קֶען נָאר אִיבֶּערְגֵיין פוּן אַ רֶבִּי צוּ תַּלְמִידִים וֶוען דִי תַּלְמִידִים הָאבְּן דֶרֶךְ אֶרֶץ, זֵיי זִיצְן מִיט הַכְנָעָה. נָאךְ זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (שַׁבָּת ל:): "כָּל תַּלְמִיד חָכָם שֶׁיּוֹשֵׁב לִפְנֵי רַבּוֹ, וְאֵין שִׂפְתוֹתָיו נוֹטְפוֹת מֹר", דִי תַּלְמִידִים וָואס זִיצְן בַּיי זֵייעֶר רֶבִּי אָן דֶרֶךְ אֶרֶץ, "תִּכָּוֶינָה", וֶועט וֶוערְן אָפְּגֶעבְּרִיט זֵייעֶר לִיפְּן.

בַּיי אוּנְז מַאכְט מֶען אוֹיךְ שִׁיעוּרִים; אִינְגֶעלַייט הַאלְטְן מִיט דִי שִׁיעוּרִים אִין גֶעוִויסֶע גֶעגֶנְטֶער, אָבֶּער אַלֶע זִיצְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, מֶען רֶעדְט נִישְׁט; נָאר אַזוֹי קֶען מֶען מַאכְן דִי שִׁיעוּרִים.

דִי שִׁיעוּרִים וָואס מֶען גְרֵייט אָן פַאר פְרוֹיעֶן קוּמְט אוֹיס בְּעֶרֶךְ יֶעדְן עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זָאל אִיךְ אָנְטוּן וַוייסֶע זָאקְן אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט צוּצוּלֵייגְן צוּ מַיין שַׁבָּת'דִיגֶע לְבוּשׁ וַוייסֶע זָאקְן, אַזוֹי וִוי עֶס אִיז אַיינְגֶעפִירְט בַּיי חֲסִידִישֶׁע אִינְגֶעלַייט. אוּן אִיךְ מֵיין אַז מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אֲפִילוּ מַקְפִּיד גֶעוֶוען אַזוֹי אִין יַבְנְאֵל.

מַיין טַאטֶע גֵייט נִישְׁט קַיין וַוייסֶע זָאקְן, אָבֶּער אַז אִיךְ וֶועל זִיךְ אָנְטוּן וַוייסֶע זָאקְן

וֶועט עֶר זִיךְ פְרֵייעֶן, און אוֹיךְ מַיין וַוייבּ תִּחְיֶ' וֶועט זִיךְ פְרֵייעֶן.

אִיךְ בֶּעט זֵייעֶר דֶער ראֹש יְשִׁיבָה זָאל מִיר זָאגְן וָואס און וִוי אַזוֹי עֶס צוּ טוּן.

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י״ט אֲדָר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, צְפַת**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**מוֹהֲרָא״ש הָאט זֵייעֶר מַחֲשִׁיב גֶעוֶוען וַוייסֶע זָאקְן און אֲפִילוּ גֶעזָאגְט פַּאר אַסַאךְ פוּן דִי תַּלְמִידִים זֵיי זָאלְן אָנְטוּן וַוייסֶע זָאקְן לְכָבוֹד שַׁבָּת.**

**דֶערִיבֶּער, אַז דַיין טַאטֶע וֶועט זִיךְ פְרֵייעֶן דֶערְצוּ און דַיין וַוייבּ אִיז דָאס אוֹיךְ מַחֲשִׁיב, זֶע אִיךְ נִישְׁט פַארְוָואס דוּ זָאלְסְט עֶס נִישְׁט אָנְטוּן.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**...**

## אִין מַיין יְשִׁיבָה מַאכְט מֶען חוֹזֶק פוּן בְּרֶסְלֶב, וִוי אַזוֹי דֶערְהַאלְט אִיךְ זִיךְ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ לֶערְן אִין אַ יְשִׁיבָה וואוּ מֶען בַּארֶעדְט אַסַאךְ דֶעם ראֹש יְשִׁיבָה און אוֹיךְ מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, און דָאס מַאכְט מִיר און דִי גַאנְצֶע חַבוּרָה מוֹרָא'דִיג צֶעבְּרָאכְן. וָואס אִיז דִי עֵצָה זִיךְ צוּ הַאלְטְן שְׁטַארְק און נִישְׁט נִתְפָּעֵל וֶוערְן פוּן זֵיי?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, כ׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

וָואס דַארְפְסְטוּ זִיךְ טַעְנָה'עֶן? וָואס דַארְפְסְטוּ זִיךְ רֵייצְן? דוּ גֵיי אָן מִיט דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, רֵייץ זִיךְ נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם - וֶועט דִיר קֵיינֶער נִישְׁט שְׁטֶערְן.

זַיי מְכַבֵּד דַיינֶע מַגִּידֵי שִׁיעוּרִים און חַבֵר זִיךְ נָאר מִיט דִי בָּחוּרִים וָואס פִירְן זִיךְ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ. וֶוען דֶער מַגִּיד שִׁיעוּר אָדֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעבְּן זֵייעֶרֶע שִׁיעוּרִים - זָאלְסְטוּ זֵיי נִישְׁט שְׁטֶערְן, וֶועלְן זֵיי דִיר לָאזְן גֵיין דַיין וֶועג, קֵיינֶער וֶועט זִיךְ נִישְׁט אַרַיינְמִישְׁן אִין דַיין וֶועג.

מִיט דֶעם וָואס דוּ וֶועסְט טַעְנָה'עֶן וֶועט מוֹהֲרָא"ש נִישְׁט וֶוערְן גְרֶעסֶער; דֶער צַדִּיק בְּלַייבְּט צַדִּיק און דִי וָואס לַאכְן און שְׁפֶּעטְן אִיז דֶער חִסָרוֹן נָאר בַּיי זֵיי. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְגִילָה טו.) וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַארְלִירְט אַ טֵייעֶרֶע דֵיימַאנְט שְׁטֵיין; אַז מֶען טְרַאכְט אַרַיין, דֶער דֵיימַאנְט שְׁטֵיין, וואו זִי גֶעפוּנְט זִיךְ בְּלַייבְּט זִי אַ דֵיימַאנְט, דֶער גַאנְצֶער חִסָרוֹן אִיז נָאר אַז עֶס פֶעלְט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אַזוֹי אוֹיךְ, "הַצַּדִּיק אָבַד לְדוֹרוֹ אָבַד", וֶוען דֶער צַדִּיק וֶוערְט אָפְּגֶעשְׁפֶּעט, דֶער צַדִּיק בְּלַייבְּט וַוייטֶער צַדִּיק, און דִי וָואס שְׁפֶּעטְן און לַאכְן - דִי הָאבְּן נִישְׁט דִי זְכִיָה צוּ נֶעמֶען פוּן אִים.

אוֹיבּ דוּ וֶועסְט נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן, דוּ וֶועסְט נִישְׁט טַעְנָה'עֶן - וֶועט מֶען דִיר אָפְּלָאזְן.

...

## מֶען הָאט מִיר זֵייעֶר אַרָאפְּגֶעקְלַאפְּט אַלְס קִינְד, וְוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ שְׁטַארְקְן?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער ראשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יִישַׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים, דָאס גֶעבְּט מִיר כְּסֵדֶר חִיזוּק און חַיוּת אִין מַיין לֶעבְּן.

אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעוואקְסְן מִיט אַ שְׁוֶוערֶע יוּגְנְט, מֶען הָאט מִיר אַלְץ אַרָאפְּגֶעקְלַאפְּט, און וָואס אִיךְ הָאבּ נָאר גֶעטוּן אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען גֶענוּג גוּט, מֶען הָאט מִיר כְּסֵדֶר

גֶעמַאכְט שְׁפִּירְן שְׁלֶעכְט אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן. אִיךְ הָאבּ כִּמְעַט נִישְׁט בַּאקוּמֶען קַיין גוּט וָוארְט, נָאר פַארְקֶערְט, אַ הוֹיפְן פוּן קְרִיטִיק אוֹיף יֶעדְן טְרִיט אוּן שְׁרִיט. אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז אַ מֶענְטְשׁ קֶען אַמָאל מַאכְן אַ טָעוּת אוּן עֶר דַארְף נִישְׁט שְׁפִּירְן שְׁלֶעכְט מִיט דֶעם פַאר עֶטְלִיכֶע טֶעג.

אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם זוֹכֶה גֶעוֶוען חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן, אָבֶּער מִיט קַיין אֵיין טְרָאפּ זֶעלְבְּסְט זִיכֶערְקֵייט, וָואס הָאט וִוי פַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ נִישְׁט צוּגֶעהָאלְפְן צוּ דִי שָׁלוֹם בַּיִת, אָדֶער בִּכְלַל אִין לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט מִיר אַ גְרוֹיסֶע חֶסֶד אַז אִיךְ בִּין גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן דָאס הָאט מַמָשׁ גֶעטוֹישְׁט מַיין לֶעבְּן צוּם גוּטְן; מַיין שָׁלוֹם בַּיִת הָאט זִיךְ גָאר שְׁטַארְק פַארְבֶּעסֶערְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל וַוייטֶער הֶעלְפְן.

אָבֶּער אִיךְ בִּין נָאכְאַלְץ הִיבְּשׁ סֶענְסֶעטִיו, וֶוען אֵיינֶער זָאגְט מִיר נָאר אַ קְלֵיין שְׁלֶעכְט וָוארְט, וֶוער אִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעטְשֶׁעפֶּעט אוּן אִיךְ שְׁפִּיר מַמָשׁ וֶוערְטְלָאז, מַמָשׁ וִוי אַ שְׁטִיקְל מִיסְט. אִיךְ קֶען טְרַאכְטְן פַאר לַאנְגֶע שָׁעוֹת וִוי אַזוֹי אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן וֶועלְן קוּקְן אוֹיף מִיר אוּן טְרַאכְטְן וֶועגְן מִיר. מַיין שְׁאֵלָה אִיז וִוי אַזוֹי אִיךְ קֶען בַּאקוּמֶען זֶעלְבְּסְט זִיכֶערְקֵייט, נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען מֶען קְלַאפְּט מִיר אַרָאפּ אָדֶער וֶוען מֶען קְרִיטִיקִירְט מִיר.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, כ׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז דָא אַ שֵׁיינֶע בְּרִיוו מִיט גוּטֶע חִיזּוּק וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁרִיבְּן פַאר זַיין בְּרוּדֶער הָרַב רֶבִּי יְחִיאֵל זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה. דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט אִים (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן קסה; מִכְתְּבֵי רַבֵּינוּ ז״ל בִּתְחִלַּת סֵפֶר עָלִים לִתְרוּפָה, מִכְתָּב ג): אִיךְ הָאבּ גְרוֹיס צַעַר אַז מֶען רוֹדְפְ׳ט דִיר אוּן אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ וִוי קֶען זַיין קֵיינֶער זָאל זִיךְ נִישְׁט אָנְנֶעמֶען פַאר דִיר; דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט אִים: ״אֲהוּבִי אָחִי נַפְשִׁי וּלְבָבִי״, מַיין לִיבֶּער בְּרִידֶער, ״אַל תִּירָא וְאַל תֵּחַת מִפְּנֵיהֶם״, הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּן זֵיי, הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּן קֵיינֶעם, ״רַק חֲזַק וֶאֱמַץ בַּתּוֹרָה וּבְיִרְאַת ה׳ כָּל הַיּוֹם״, גֵיי

ווייטער אָן מִיט דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, שְׁטַארְק זִיךְ אִין תּוֹרָה און אִין יִרְאַת שָׁמַיִם, "כִּי כָּל זֶה לְגַדֵּל אוֹתְךָ וּלְהַרְבּוֹת כְּבוֹדְךָ וּלְגַדֵּל שִׂכְלְךָ", ווייל אַלֶעס וואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר אִיז נָאר דִיר צוּ שְׁטַארְקְן, דִיר אוֹיפְצוּהֵייבְּן דַיין כָּבוֹד און גְרוֹיס מַאכְן דַיין פַארְשְׁטַאנְד.

"כִּי כְּמוֹ שֶׁאִי אֶפְשָׁר לְכָל מִינֵי זֵרְעוֹנִים לָבוֹא לְתַכְלִית גְּדוּלָם", אַזוֹי ווִי קַיין שׁוּם וואקְסוּנְג קֶען נִישְׁט וואקְסְן, "אֶלָּא עַד שֶׁנּוֹתְנִין מִתְּחִלָּה הַגַּרְעִין בֶּעָפָר", נָאר וֶוען מֶען נֶעמְט דִי זוֹמֶען און מֶען לֵייגְט עֶס אִין דֶער עֶרְד, "וְאַחַר כָּךְ הַגַּרְעִין נִתְבַּלֶּה", און דִי זוֹמֶען ווערְט פַארְפוֹילְט אִין דֶער עֶרְד, "וְאַחַר בְּלוֹתוֹ יִפְרַח וְיָצִיץ וְנַעֲשֶׂה אִילָן גָּדוֹל", הֶערְשְׁט דֶעמָאלְט קֶען פוּן אִיר אַרוֹיסְקוּמֶען אַ שֵׁיינֶע גְרוֹיסֶע בּוֹים, "כֵּן הַדָּבָר הַזֶּה", אַזוֹי אִיז מִיט'ן מֶענְטְשׁ, "שֶׁעַל יְדֵי זֶה שֶׁמַּשְׁפִּילִין אוֹתְךָ עַד עָפָר", וֶוען מֶען דֶערְנִידֶערְט דֶעם מֶענְטְשׁ מַמָּשׁ בִּיז צוּם עֶרְד, "עַל יְדֵי זֶה תִּתְגַּדֵּל וְתָצִיץ וְתִפְרַח בָּעוֹלָם", דוּרְךְ דֶעם שְׁפְּרָאצְט מֶען אוֹיף אִין דִי וֶועלְט. דֶער רֶבִּי פִירְט אוֹיס אִינֶעם בְּרִיוו: "אִלּוּ הָיוּ יוֹדְעִין אֵלּוּ הָרְשָׁעִים מִזֶּה, בְּוַדַּאי לֹא הָיוּ מְבַזִּין אוֹתְךָ, כִּי כָּל כַּוָּנָתָם לְרַע", וֶוען דִי שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן וואלְטְן וֶוען גֶעוואוּסְט וואס פַאר אַ טוֹבָה זֵיי טוּעֶן דִיר מִיט דֶעם וואס זֵיי טְשֶׁעפֶּען דִיר און רוֹדְפְ'ן דִיר, וואלְטְן זֵיי דִיר נִישְׁט פַארְשֶׁעמְט.

דֶער בְּרִיוו אִיז גוּטֶע חִיזוּק פַאר דִיר און פַאר אַלֶעמֶען; וֶוען מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ גָארְנִישְׁט, מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ אַזוֹי דֶערְנִידֶערְט - דֶעמָאלְט קֶען מֶען הֶערְשְׁט אָנְהֵייבְּן צוּ וואקְסְן. אַזוֹי ווִי אַ קֶערְל הֵייבְּט אָן וואקְסְן און שְׁפְּרָאצְן נָאר נָאכְדֶעם וֶוען זִי ווערְט אִינְגַאנְצְן אוֹיס, אַזוֹי אוֹיךְ קֶען דֶער מֶענְטְשׁ זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּ אַלֶע דַרְגוֹת שֶׁבָּעוֹלָם וֶוען עֶר אִיז בַּיי זִיךְ גָארְנִישְׁט.

נֶעם אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִיר ווֶעט דִיר נִישְׁט אָנְגֵיין וואס אַנְדֶערֶע זָאגְן, וואס אַנְדֶערֶע טְרַאכְטְן אוֹיף דִיר; דוּ ווֶעסְט וואקְסְן הֶעכֶער און הֶעכֶער, דוּ וֶועסְט צוּקוּמֶען צוּ דִי דַרְגָה פוּן צַדִּיקִים וואס גֶעפוּנֶען זִיךְ דָא אִין עוֹלָם הַגַּשְׁמִי און זֵיי שְׁפַּאצִירְן אִין דִי עוֹלָמוֹת עֶלְיוֹנִים, זֵייעֶר מֹחַ טְרַאכְט שְׁטֶענְדִיג פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ רַאטֶעוֶוען פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר אִין יְשִׁיבָה גְדוֹלָה, אִיךְ לֶערְן אוּן אִיךְ דַאוֶוען אוּן טוּ אַלֶע מִצְוֹת, אָבֶער לֵיידֶער פַאל אִיךְ אַסַאךְ אַרָאפּ אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן. אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז עֶס וֶועט דוּרְכְגֵיין, אָבֶער דֶערְוַוייל זֶע אִיךְ אַז אֲפִילוּ וֶוען אִיךְ שְׁטַארְק זִיךְ פַאר אַ קוּרְצֶע צַייט, פַאל אִיךְ גְלַייךְ נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אַרָאפּ.

וָואס קֶען אִיךְ טוּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ״ד אֲדָר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

פְּגַם הַבְּרִית אִיז אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע עֲבֵירָה, דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (וַיֵּשֶׁב קפח ע״א; וַיְחִי ריט.) אַז אוֹיף דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה, הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה, וֶוער עֶס זִינְדִיגְט אִין דִי עֲבֵירָה רַייסְט זִיךְ אָפּ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אָבֶער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אוּנְז, עֶר הָאט אוּנְז גֶעשִׁיקְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס נְשָׁמָה אוֹיף דִי וֶועלְט, דֶער רֶבִּי הֵייבְּט אוֹיף אַלֶע נְשָׁמוֹת וָואס פַאלְן אַרָאפּ אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט זֵיי אַלֶע צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי הָאט קְלָאר גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן עא): ״קֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט פְּשַׁט אִין דֶעם זוֹהַר, נָאר אִיךְ, אוּן אִיךְ זָאג עֶס הֶעלְפְט יָא תְּשׁוּבָה, אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס הָאט אַסַאךְ גֶעזִינְדִיגְט״.

דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אַן עֵצָה, מֶען זָאל דֶערְצֵיילְן פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי

אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ - וָואס מֶען גֵייט אַרִיבֶּער, מֶען זָאל דֶערְצֵיילְן וִוי שְׁטַארְק מֶען וִויל זַיין גוּט, וִוי שְׁטַארְק דִי נִסְיוֹנוֹת זֶענֶען אוּן וִוי דֶער יֵצֶר הָרָע וַוארְפְט אַרָאפּ; דָאס אִיז הִתְבּוֹדְדוּת. דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט דִי עֲבוֹדָה, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן כה): "הִתְבּוֹדְדוּת הוּא מַעֲלָה עֶלְיוֹנָה וּגְדוֹלָה מִן הַכֹּל", הִתְבּוֹדְדוּת אִיז דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ וָואס אִיז שַׁיָּיךְ; וֶוען מֶען אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, מֶען גֵייט אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ, אַ פְּלַאץ ווּאוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, מֶען דֶערְצֵיילְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס גֵייט אַרִיבֶּער; אַלֶע נִסְיוֹנוֹת, אַלֶע נְפִילוֹת אוּן אַלֶע אִיבֶּערְגֵייאַכְטְס וָואס מֶען גֵייט אַרִיבֶּער - גֵייעֶן דִי וֶוערְטֶער אַרוֹיף זֵייעֶר הוֹיךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט אָן דִי וֶוערְטֶער, דִי שְׁמוּעֶס, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט אַרוֹיס פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, גֶעבּ נִישְׁט אוֹיף; דוּ פוּן דַיין זַייט זָאלְסְטוּ וַוייטֶער פְּרוּבִּירְן צוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן אוּן אַז דֶער יֵצֶר הָרָע וַוארְפְט דִיר אַרָאפּ זָאלְסְטוּ דָאס דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, עֶר זָאל דִיר רַאטֶעוֶוען פוּן דִי עֲבֵירָה. רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אַ גוּטֶער פְרֵיינְט, אַזוֹי וִוי אַ קִינְד רֶעדְט צוּ זַיין טַאטֶע, בֶּעט אִים:

"טַאטֶע, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר; אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין גוּט, אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק נִישְׁט טוּן דִי עֲבֵירָה אוּן אַלֶץ פַאל אִיךְ אַרָאפּ נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל. טַאטֶע אִיךְ בִּין פַארְלוֹירְן, טַאטֶע אִיךְ בִּין אַזוֹי נִידְרִיג, אַזוֹי גֶעפַאלְן; וָואס זָאל אִיךְ טוּן? וָואס זָאל אִיךְ מַאכְן נִישְׁט אָנְצוּקוּמֶען צוּ דֶעם?

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, דוּ וֵוייסְט וָואס טוּט זִיךְ אָפּ אִין מַיין הַארְץ, קוּק מַיין הַארְץ, זֶע מַיין הַארְץ וִוי אִיךְ וֵויין פוּן אִינֶעוֵוייניג, זֶע וִוי שְׁטַארְק אִיךְ וִויל זַיין גוּט אוּן עֶרְלִיךְ, אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אִיךְ פַארְלִיר מַיין שֵׂכֶל, אִיךְ פַארְלִיר מַיין דַעַת, אִיךְ בִּין עוֹבֵר אוֹיף דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע עֲבֵירָה פוּן הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה וָואס חֲזַ"ל זָאגְן אַז דִי עֲבֵירָה הָאט גֶעבְּרֶענְגְט דִי מַבּוּל. אִיךְ וֵוייס אַז אַלֶע צָרוֹת אוֹיף דִי וֶועלְט קוּמְט וֶועגְן מִיר, וֶועגְן מַיינֶע חֲטָאִים, וָואס זָאל אִיךְ טוּן? וָואס קֶען אִיךְ טוּן? נֶעם אָן מַיין תְּשׁוּבָה, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל מֶער נִישְׁט זִינְדִיגְן, הַחֲזִירֵנוּ בִּתְשׁוּבָה

שְׁלֵימָה לְפָנֶיךָ".

נָאךְ אַן עֵצָה אִיז דָא פוּן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי הָאט קְלָאר גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "אֲפִילּוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן", אֲפִילּוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית אוּן טוּט נֶעבֶּעךְ עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם; וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "כַּךְ וְכַךְ", וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיינֶע עֲבֵירוֹת, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

דָאס מֵיינְט מֶען דִיר; וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דֶעם שְׁמוּעֶס הָאט עֶר אוֹיךְ דִיר גֶעמֵיינְט, אַזוֹי וִוי רֶבִּי נָתָן הָאט דֶערְצֵיילְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקעג): "וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט, הָאבּ אִיךְ גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן צִי תּוֹרָה קֶען אוֹיךְ הֶעלְפְן אַזַא אֵיינֶעם וָואס אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן?" הָאט דֶער רֶבִּי גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף מִיר אוּן גֶעזָאגְט: "דוּ וֵוייסְט וִוי גְרוֹיס דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז? תּוֹרָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס"; אוּן אֲפִילּוּ אַז אַ מֶענְטְשׁ לִיגְט נֶעבֶּעךְ אִין דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג 'כַּךְ וְכַךְ' וֶועט עֶר וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

נֶעם אַ מִשְׁנָיוֹת אוּן הֵייבּ אָן לֶערְנֶען פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת; אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר, וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען דַארְף נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וֶוען מֶען לֶערְנְט, מֶען דַארְף נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן צוּם סוֹף וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין, "וְלֹא יְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ בִּתְחִלַּת לִמּוּדוֹ שֶׁיִּרְצֶה לְהָבִין תֵּכֶף, וּמֵחֲמַת זֶה יִקְשֶׁה לוֹ הַרְבֵּה תֵּכֶף וְלֹא יָבִין כְּלָל, רַק יַכְנִיס מֹחוֹ בְּהַלִּמּוּד, וְיֹאמַר כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת וּמִמֵּילָא

יָבִין", מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְרָאכְן וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, וָואס דָאס אַלֵיין - אַז מֶען ווִיל גְלַייךְ פַארְשְׁטֵיין - מַאכְט אַז עֶס זָאל זַיין שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען, נָאר מֶען זָאל בְּלוֹיז זָאגְן דִי וֶוערְטֶער כְּסִדְרָן און מֶען וֶועט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס פַארְשְׁטֵיין, "וְאִם לֹא יָבִין תֵּכֶף, יָבִין אַחַר כָּךְ, וְאִם יִשָּׁאֲרוּ אֵיזֶה דְּבָרִים, שֶׁאַף עַל פִּי כֵן לֹא יוּכַל לַעֲמֹד עַל כַּוָּנָתוֹ - מַה בְּכָךְ?" און אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל, וֶועט מֶען עֶס פַארְשְׁטֵיין בַּיים צְוֵוייטְן מָאל און אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דֶעם צְוֵוייטְן מָאל, אִיז אוֹיךְ גָארְנִישְׁט, "כִּי מַעֲלַת רִבּוּי הַלִּמּוּד עוֹלָה עַל הַכֹּל, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה: 'לִגְמוֹר וַהֲדַר לִסְבֹּר, וְאַף עַל גַּב דְּלָא יָדַע מַה קָאָמַר' שֶׁנֶּאֱמַר: 'גָּרְסָה נַפְשִׁי לְתַאֲבָה'", וַוייל דָאס לֶערְנֶען אַלֵיינְס אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶעם, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל קוֹדֶם אַסַאךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט און דֶערְנָאךְ זָאל עֶר לֶערְנֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין, "כִּי עַל יְדֵי רִבּוּי הַלִּמּוּד, שֶׁיִּלְמַד בִּמְהִירוּת וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה, עַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לַעֲבֹר כַּמָּה פְּעָמִים אֵלּוּ הַסְּפָרִים שֶׁלּוֹמֵד - לְגָמְרָם, וְלַחֲזֹר לְהַתְחִיל וּלְגָמְרָם פַּעַם אַחֵר פַּעַם, וְעַל יְדֵי זֶה מִמֵּילָא יָבִין וְכוּ'", וַוייל אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל לֶערְנְט מֶען דָאךְ זֵייעֶר אַסַאךְ, דוּרְכְדֶעם אִיז מֶען אִיז זוֹכֶה אִיבֶּערְצוּגֵיין יֶעדֶע זַאךְ זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען לֶערְנְט.

"וְדִבֵּר הַרְבֵּה מְאֹד בְּעִנְיָן זֶה, וְאִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר דְּבָרִים אֵלּוּ בִּכְתָב הֵיטֵב, אֲבָל בֶּאֱמֶת הוּא דֶּרֶךְ עֵצָה טוֹבָה מְאֹד בְּעִנְיַן הַלִּמּוּד, כִּי עַל יְדֵי זֶה יְכוֹלִים לִזְכּוֹת לִלְמֹד הַרְבֵּה מְאֹד, לִגְמֹר כַּמָּה וְכַמָּה סְפָרִים, וְגַם יִזְכֶּה לְהָבִין הַדְּבָרִים יוֹתֵר, מֵאֲשֶׁר הָיָה לוֹמֵד בְּדִקְדּוּק גָּדוֹל, כִּי זֶה מְבַלְבֵּל מְאֹד מִן הַלִּמּוּד", דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּנֶעם דֶּרֶךְ הַלִימוּד, אַז מֶען זָאל נִישְׁט זוּכְן צוּ פַארְשְׁטֵיין גְלַייךְ וֶוען מֶען לֶערְנְט, נָאר מֶען זָאל לֶערְנֶען אַסַאךְ אָן פַארְשְׁטֵיין בִּיז מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין.

וֶוען מֶען לֶערְנְט אוֹיף דֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִימוּד אִיז מֶען זוֹכֶה אָנְצוּקוּמֶען אַסַאךְ מֶער ווִי וֶוען מֶען לֶערְנְט שְׁטַייט און מֶען קְלֶערְט אַרַיין אִין יֶעדֶע

וָוארְט, וָואס דָאס שְׁטֶערְט נָאר דָאס לֶערְנֶען, "וְכַמָּה בְּנֵי אָדָם פָּסְקוּ מִלִּמּוּדָם לְגַמְרֵי עַל יְדֵי רִבּוּי הַדִּקְדּוּקִים שֶׁלָּהֶם, וּמְאוּמָה לֹא נִשְׁאַר בְּיָדָם", אוּן זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעהֶערְט לֶערְנֶען צוּלִיבּ דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אוּן גֶעקְוֶועטְשְׁט וְכוּ'.

"אֲבָל כְּשֶׁיַּרְגִּיל עַצְמוֹ לִלְמֹד בִּמְהִירוּת כַּנִּזְכָּר לְעֵיל - בְּלִי דִקְדּוּקִים הַרְבֵּה, הַתּוֹרָה תִּתְקַיֵּם בְּיָדוֹ, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה מְאֹד, גְּמָרָא וּפוֹסְקִים כֻּלָּם, וְתַנַ"ךְ מִדְרָשִׁים וְסִפְרֵי הַזּוֹהַר וְקַבָּלָה, וּשְׁאָר סְפָרִים כֻּלָּם", אַז אַ מֶענְטְשׁ גֶעווֹאוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעלֶערְהֵייט - אַזוֹי וִוי אוֹיבְּן דֶערְמַאנְט, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ; עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין דוּרְכְצוּלֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה - גְּמָרָא מִיט אַלֶע פּוֹסְקִים, תַּנַ"ךְ מִיט אַלֶע מֶדְרָשִׁים אוּן זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, "וּכְבָר מְבֹאָר שִׂיחָתוֹ שֶׁל רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, שֶׁטּוֹב לְאָדָם שֶׁיַּעֲבֹר בְּחַיָּיו בְּכָל הַסְּפָרִים שֶׁל הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה", אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט. אַז מִיר זָאלְן דוּרְכְלֶערְנֶען כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ. עַיֵּין שָׁם.

בְּרוּדֶער, אַז דוּ וֶועסְט פָּאלְגְן וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט, דוּ וֶועסְט אוֹיף קֵיינֶעם נִישְׁט קוּקְן - וֶועסְטוּ זֶען אַז בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט וֶועסְטוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, דוּ וֶועסְט אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן, דוּ וֶועסְט פָּטוּר וֶוערְן פוּן דִי בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת. אִיךְ וֵוייס אַז מֶען וֶועט לַאכְן פוּן דִיר, דוּ וֶועסְט הָאבְּן שְׁוֶוערֶע מְנִיעוֹת, דוּ וֶועסְט וֶועלְן גֶעפֶעלְן דַיינֶע חֲבֵרִים, מִשְׁפָּחָה וְכוּ' וְכוּ', אָבֶּער נַאר זִיךְ נִישְׁט; וָואס וֶועט זַיין אַז מֶען וֶועט לַאכְן פוּן דִיר? וָואס וֶועט זַיין אַז מֶען וֶועט שְׁפֶּעטְן? זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט וָואס גֵייט אוֹיף דִיר אַרִיבֶּער שְׁטִילֶערְהֵייט, זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט וִוי שְׁטַארְק דֶער יֵצֶר הָרָע פְּלַאקֶערְט; זָאלְסְטוּ קֵיינֶעם נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן, טוּ וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט וֶועסְטוּ אָנְקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

### מֶען דַארְף קֶענֶען דִי הֲלָכוֹת זֵייעֶר קְלָאר

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - אֲדָר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער חָתָן ...**

מַזָל טוֹב חָתָן פַאר דַיין חֲתוּנָה; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶס זָאל אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן דִיר אוּן דַיין כַּלָה לִיכְטִיגֶע דוֹרוֹת, דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה זָאל זַיין שְׁטֶענְדִיג צְווִישְׁן אַייךְ.

דֶער סֵפֶר אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג צוּ לֶערְנֶען אוּן חַזֶר׳ן, מֶען דַארְף קֶענֶען דִי הֲלָכוֹת זֵייעֶר קְלָאר; חַס וְשָׁלוֹם נִכְשָׁל וֶוערְן אִין זֵיי. גֵיי אִיבֶּער דֶעם סֵפֶר אָן אַ שִׁיעוּר מָאל, וֶועסְטוּ וִויסְן וִוי אַזוֹי צוּ פִירְן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט פוּן דִיר אִין יְשִׁיבָה, אִיךְ הָאף וַוייטֶער צוּ זֶען בַּיי דִיר נָאר נַחַת.

...

### עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג צוּ חַזֶר׳ן דִי הֲלָכוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - אֲדָר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**חָשׁוּבְ׳עֶ כַּלָה ... תִּחְיֶ׳**

מַזָל טוֹב פַאר אַייעֶר חֲתוּנָה; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶס זָאל זַיין צְווִישְׁן אַייךְ נָאר אַהֲבָה וְאַחְוָה, שָׁלוֹם וְרֵעוּת.

דֶעם סֵפֶר גֶעבּ אִיךְ פַאר אַלֶע תַּלְמִידִים וְתַלְמִידוֹת; דֶער סֵפֶר ״לַכֹּל זְמַן״

אִיז זֵייעֶר אַ וִויכְטִיגֶע סֵפֶר, דִי הֲלָכוֹת זֶענֶען גֶעשְׁרִיבְּן זֵייעֶר קְלָאר.

מֶען דַארְף דָאס חַזֶרְ'ן גָאר אַסַאךְ מָאל מֶען זָאל קֶענֶען דִי הֲלָכוֹת אוֹיסְנְוֶוייְנִיג צוּ קֶענֶען פִירְן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ און הָאבְּן גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער.

...

## וֶוען מֶען לֶערְנְט נַ"ךְ וֶועקְט מֶען זִיךְ אוֹיף צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - אֲדָר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**טַייעֶרֶער חָתָן ...**

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז נַ"ךְ אִיז זַיין מוּסָר סֵפֶר; וֶוען מֶען לֶערְנְט נַ"ךְ וֶועקְט מֶען זִיךְ אוֹיף צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

## זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - אֲדָר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**טַייעֶרֶער חָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר**

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "אַ גוּף וָואס הָאט גֶעלֶערְנְט דֶעם לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן - וֶועלְן דִי וֶוערִים אִין קֶבֶר נִישְׁט הָאבְּן קַיין שְׁלִיטָה".

זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן וֶועסְטוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס בָּזֶה וּבַבָּא.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

### דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אַ יִשׁוּב הַדַּעַת

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י״ח אֲדָר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיװ.

מִיט לִיבּ אוּן דַאנְק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט מִיר, דִי נַאכְט הָאט מִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה אַ בֵּן זָכָר.

אִיךְ וואוּנְטְשׁ דִיר אַ בְּרָכָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער אוּן קִינְדְ׳ס קִינְדֶער, עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת, קִינְדֶער וָואס וֶועלְן לִיכְטִיג מַאכְן דִי וֶועלְט, אָמֵן.

עֶס אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ וֶוען מֶען לֶעבְּט מִיטְ׳ן רֶבִּי׳ן, אַלֶעס אִיז אַנְדֶערְשׁ; וֶוען מִיר זָאלְן נִישְׁט מְקוּרָב וֶוערְן צוּם רֶבִּי׳ן נָאר פַּאר דִי זַאךְ אַלֵיין, וִוי אַזוֹי מֶען גֵייט הָאבְּן לְמַזָּל טוֹב אוּן וִוי אַזוֹי מֶען בַּאשֶׁעפְטִיגְט זִיךְ בִּשְׁעַת מַעֲשֶׂה - אִיז שׁוֹין כְּדַאי. דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אַ יִשׁוּב הַדַּעַת, דֶעם רֶבִּינְ׳ס עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; מֶען וֶוערְט נִישְׁט נֶערְוֶועז, מֶען וֶוערְט נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן, מֶען אִיז אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ אַזוֹי וִוי דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט (תְּהִלִּים קלא, ב): ״כְּגָמֻל עֲלֵי אִמּוֹ כַּגָּמֻל עָלַי נַפְשִׁי״, אִיךְ בִּין וִוי אַ קִינְד וָואס פַּארְלָאזְט זִיךְ אוֹיף דִי מַאמֶע, אָן קַיין שׁוּם דַאֲגוֹת אוּן אָן קַיין שׁוּם פְּחָדִים.

אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם בַּיי דִיר אוֹיף שְׂמְחוֹת.

...

### טְשֶׁעפֶּען דִי וַוייבּ אִיז נִישְׁט קַיין קִינְדֶער שְׁפִּיל

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י״ח אֲדָר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיװ.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, רֶעד שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ; עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי אַז

אִיךְ דַארְף דִיר דָאס שְׁרַייבְּן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.

דוּ מֵיינְסְט אַז טְשֶׁעפֶּען דִי וַוייבּ אִיז אַ וִויץ, דוּ מֵיינְסְט אַז טְשֶׁעפֶּען דִי וַוייבּ אִיז אַ קְלֵיינִיקֵייט; אוֹיבּ מֶען טוּט וֵויי אַ וַוייבּ אוּן זִי וֵויינְט - בַּאקוּמְט מֶען אַ גְרוֹיסֶער קְלַאפּ.

פַארְוָואס?! פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִיר? עֶס אִיז נִישְׁט קַיין תֵּירוּץ אַז זִי טוּט דִיר וֵויי; אַז זִי טוּט דִיר וֵויי טָאר מֶען נִישְׁט צוּרִיק טוּן. אַז זִי רֶעדְט צוּ דִיר אָנְגֶעוֵוייטָאגְט אָדֶער זִי שְׁרֵייט אוֹיף דִיר - אִיז דָאס נָאר וַוייל זִי אִיז אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט, אָדֶער אַז זִי הָאט וֵוייטָאג אוֹיף דִיר אַז דוּ מַאכְסְט אִיר אַוֶועק.

אִיךְ מוּז דִיר זָאגְן, עֶס זֶעט אוֹיס אִין דַיינֶע אוֹיגְן אַ קִינְדֶער שְׁפִּיל, אָבֶּער דָאס גֵייט זִיךְ בַּיים סוֹף זֵייעֶר מִיאוּס עֶנְדִיגְן.

טוּ תְּשׁוּבָה, וֶוער אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; עֶרְלִיכֶע אִידְן רֶעדְן וֵוייךְ צוּ דִי וַוייבּ, עֶרְלִיכֶע אִידְן שְׁרֵייעֶן נִישְׁט אִין שְׁטוּבּ, עֶרְלִיכֶע אִידְן הָאבְּן אַסַאךְ שְׁפֵּייאַכְטְן צוּ שְׁלִינְגֶען.

אִיךְ בִּין אַ בַּעַל שִׂמְחָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה אַ אִינְגְל; אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער בְּרִית וֶועט זַיין קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אִין צַייט, כ"ה אֲדָר.

...

## פֶּסַח בַּיינַאכְט אִיז אַ מִצְוָה צוּ לֵייגְן וָואס מֶער שֵׁיינֶע כֵּלִים אוֹיפְ'ן טִישׁ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י"ח אֲדָר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם צוּ לֵייגְן זִילְבֶּערְנֶע כֵּלִים אוֹיפְ'ן פֶּסַח טִישׁ; אַדְּרַבָּה, עֶס וֶוערְט גֶע'פַּסְקֶ'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן תעב, סְעִיף ב; מִשְׁנָה בְּרוּרָה שָׁם, סְעִיף קָטָן ו) מֶען זָאל לֵייגְן אוֹיפְ'ן טִישׁ וָואס מֶער שֵׁיינֶע כֵּלִים. מֶען

לֵייגְט אוֹיס אַלֶע כֵּלִים, אֲפִילוּ דִי וָואס מֶען נוּצְט נִישְׁט.

אַ גַאנְץ יָאר וֶוערְט גֶע׳פַּסְקְ׳נְט (שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִּים סִימָן תקס, סְעִיף ב) מֶען זָאל נִישְׁט נוּצְן אַלֶע שֵׁיינֶע כֵּלִים אוֹיף אֵיינְמָאל, וַוייל מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען פוּנֶעם חוּרְבַּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אָבֶער פֶּסַח בַּיינַאכְט אִיז אַ מִצְוָה צוּ לֵייגְן וָואס מֶער שֵׁיינֶע כֵּלִים אוֹיפְ׳ן טִישׁ; מִיט דֶעם וַוייזְט מֶען אַז מִיר זֶענֶען אַרוֹיס פוּן זַיין אוּנְטֶערְטֶענִיגְט פַאר פַּרְעֹה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז אוֹיסְדֶערְוֶועלְט פַאר זַיינֶע קִינְדֶער.

גֶעבּ נָאר אַכְטוּנְג, אוֹיבּ דִי ווִילְסְט נוּצְן פֶּסַח דִי זִילְבֶּערְנֶע כֵּלִים וָואס לִיגְט אַ גַאנְץ יָאר אוֹיף דֶעם חָמֵץ׳דִיגְן טִישׁ, זָאלְסְטוּ דָאס כַּשְׁרְ׳ן אַזוֹי ווִי דִי הֲלָכָה אִיז.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַבֵּל זַיין דֶעם יוֹם טוֹב פֶּסַח מִיט שִׂמְחָה אוּן צוּ דִי קְדוּשָּׁה פוּנֶעם יוֹם טוֹב; מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים" אוּן (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## ווִי פְרִיעֶר מֶען קֶען חַתוּנָה הָאבְּן וֶועט מֶען הָאבְּן שֶׁענֶערֶע יָארְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ג׳ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י"ט אֲדָר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה פַאר דִי יוּגְנְט, זֵיי צוּ רַאטֶעוֶועץ פוּן עֲבֵירוֹת - אִיז זֵיי חַתוּנָה מַאכְן יוּנְג.

נִישְׁטָא קֵיין אַנְדֶערֶע עֵצָה; דִי אַלֶע אֲסִיפוֹת וָואס מְחַנְּכִים מַאכְן ווִי אַזוֹי מֶען קֶען רַאטֶעוֶועץ דִי יוּגְנְט - אִיז אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן דִי צַייט; אֵיין עֵצָה אִיז דָא, זֵיי חַתוּנָה מַאכְן, אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה זָאגְט; אַזוֹי ווִי מִיר גֶעפִינֶען בַּיי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (קִידּוּשִׁין כט:) רַב חִסְדָּא הָאט זֵייעֶר

אויסְגֶעלויבְּט רַב הַמְנוּנָא פַאר רַב הוּנָא אַז עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ, הָאט רַב הוּנָא גֶעבֶּעטְן רַב חִסְדָּא עֶר זָאל אִים שִׁיקְן צוּ אִים, עֶר ווִיל אִים זֶען, "כִּי אָתָא, חַזְיֵיהּ דְּלָא פָּרִיס סוּדָרָא". וֶוען רַב הַמְנוּנָא אִיז גֶעקוּמֶען הָאט רַב הוּנָא גֶעזֶען אַז רַב הַמְנוּנָא הָאט נִישְׁט קַיין טַלִּית, הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט: "מַאי טַעְמָא לָא פְּרִיסַת סוּדָרָא", פַארְוָואס גֵייסְטוּ נִישְׁט מִיט קַיין טַלִּית? הָאט אִים רַב הַמְנוּנָא גֶעעֶנְטְפֶערְט: וַוייל אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט, "אַהַדְרִינְהוּ לְאַפֵּיהּ מִינֵיהּ", הָאט רַב הוּנָא אַוֶועק גֶעדְרֵייט זַיין פָּנִים פוּן אִים אוּן אִים גֶעזָאגְט: "חָזִי דְּלָא חָזֵית לְהוּ לְאַפֵּי עַד דְּנָסְבַת", זָאלְסְטוּ נִישְׁט קוּמֶען צוּ מִיר, אִיךְ ווִיל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִיר בִּיז דוּ הָאסְט חֲתוּנָה, וַוייל: "בֶּן עֶשְׂרִים שָׁנָה וְלֹא נָשָׂא אִשָּׁה - כָּל יָמָיו בַּעֲבֵירָה", אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט חֲתוּנָה פַאר דִי צְוָואנְצִיג יָאר וֶועט מֶען אַ גַאנְץ לֶעבְּן טוּן עֲבֵירוֹת, פְּרֶעגְט דִי גְמָרָא: "בַּעֲבֵירָה סַלְקָא דַעְתָּךְ", ווִי קֶען זַיין מֶען וֶועט טוּן עֲבֵירוֹת אַ גַאנְץ לֶעבְּן, אֵיינְמָאל מֶען הָאט חֲתוּנָה אִיז מֶען דָאךְ אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת?! עֶנְטְפֶערְט דִי גְמָרָא: "אֶלָּא אֵימָא, כָּל יָמָיו בְּהִרְהוּר עֲבֵירָה", מֶען וֶועט אַ גַאנְץ לֶעבְּן הָאבְּן שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת; זֶעט מֶען אַז דָאס אִיז דִי עֵצָה צוּ זַיין רֵיין אוּן אָפְּגֶעהִיטְן.

וֶוער עֶס גֶעדֶענְקְט דִי שִׁיעוּרִים, ווִי מוֹהֲרָ"שׁ פְּלֶעגְט אוֹיסְשְׁרֵייעֶן פוּן זַיין רֵיינֶע הֵיילִיגֶע הַארְץ מֶען זָאל חֲתוּנָה מַאכְן יוּנְג דִי קִינְדֶער, זֵיי רַאטֶעוֶוען פוּן עֲבֵירוֹת. מֶען הָאט גֶעשְׁפֶּעט פוּן מוֹהֲרָ"שׁ אַלֶע יָארְן, עֶס הָאט אוֹיסְגֶעזֶען ווִי אַ חָלוֹם, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ הֵייבְּן אָן טוּן צוּ דֶער זַאךְ, מֶען מַאכְט חֲתוּנָה דִי קִינְדֶער יוּנְג וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ רֵיין, מֶען שְׁפָּארְט אַיין פַאר דִי קִינְדֶער דִי לַאנְגֶע שְׁוֶוערֶע וֶועג.

עֶלְטֶערְן הָאבְּן נִישְׁט קַיין אַנוּנְג וָואס דִי קִינְדֶער גֵייעֶן אַרִיבֶּער; מֶען הָאט שׁוֹין לַאנְג פַארְגֶעסְן וָואס אַ בָּחוּר אִיז, ווִי שְׁטַארְק זֵיי ווִילְן זַיין גוּט אוּן זֵיי קֶענֶען נִישְׁט, זֵיי פַאלְן אַרָאפּ אִין פְּגַם הַבְּרִית.

קוּק וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֵאשִׁית חָכְמָה שְׁרַייבְּט וֶועגְן דִי בָּחוּר'ישֶׁע יָארְן (שַׁעַר הַתְּשׁוּבָה פֶּרֶק ג, סִימָן י): "וּמֵהַדְּבָרִים שֶׁצָּרִיךְ הַשָּׁב לְתַקֵּן, הוּא לְתַקֵּן אוֹת בְּרִית הַפָּגוּם בְּהוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה", מֶען דַארְף תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף דִי עֲבֵירָה פוּן

פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, "שֶׁאֵין אָדָם בִּזְמַנֵּנוּ נִיצּוֹל מִמֶּנּוּ בְּבַחֲרוּתוֹ", וַוייל עֶס אִיז נִישְׁטָא הַיינְטִיגֶע צַייטְן אַ מֶענְטְשׁ וָואס וֶועט נִיצּוֹל פוּן דִי עֲבֵירָה אִין דִי בָּחוּר'ישֶׁע יָארְן, עַיֵּין שָׁם; דָאס הָאט עֶר גֶעשְׁרִיבְּן אִין צְפַת פַּאר אִיבֶּער פִיר הוּנְדֶערְט יָאר צוּרִיק, אִינֶעם דוֹר פוּנֶעם הֵיילִיגְן אֲרִיזַ"ל, וֶוען דִי שְׁטָאט צְפַת אִיז גֶעוֶוען אָנְגֶעפִילְט מִיט הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים, קְדוֹשִׁים אוּן עֶלְיוֹנִים וָואס הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אַ הֵיילִיגְקֵייט אוֹיף דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט (חוּץ מִזֶּה וָואס לְהַבְדִּיל דִי אַרַאבְּקֶעס זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אָנְגֶעטוֹן מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע צְנִיעוּת, אָנְגֶעטוֹן פוּן קָאפּ בִּיז פִּיס אוּן עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען שַׁיָּיךְ צוּ קוּקְן אַ רְאִיָּ' אֲסוּרָה), טְרָאץ דֶעם שְׁרַייבְּט עֶר אִין יֶענֶע צַייט דִי וֶוערְטֶער: "שֶׁאֵין אָדָם בִּזְמַנֵּנוּ נִיצּוֹל מִמֶּנּוּ בְּבַחֲרוּתוֹ", אַז יֶעדֶער בָּחוּר פַּאלְט דוּרְךְ אִין דִי עֲבֵירָה דוּרְכְאוֹיס דִי בָּחוּר'ישֶׁע יָארְן; אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז אִין אוּנְזֶער דוֹר וֶוען אַלֶעס אִיז אָפְּן אוּן עֶס אִיז בִּיטֶער שְׁוֶוער צוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן בִּקְדוּשָּׁה, וֶוער רֶעדְט נָאךְ הַיינְט צוּ טָאגס וֶוען מִיר הָאבְּן דִי בִּיטֶערֶע צָרָה אַז יוּנְגֶע קִינְדֶער - בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ - דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם מִיט טֶעלֶעפָאוֹנְס, אֵייפַּאדְס אוּן טֶעבְּלֶעטְס וְכַדּוֹמֶה, וָואס מֶען קֶען זֶען דָארְט אַלֶע עֲבֵירוֹת פוּן דִי וֶועלְט, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז וִוי פְרִיעֶר מֶען קֶען חֲתוּנָה הָאבְּן וֶועט מֶען הָאבְּן שֶׁענֶערֶע יָארְן; דָאס אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה! מֶען זָאל חֲתוּנָה הָאבְּן יוּנְג וֶוען מֶען אִיז רֵיין אוּן הֵיילִיג, וַוייל נָאר אַזוֹי קֶען מֶען זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת.

אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעמַאכְט מַיינֶע קִינְדֶער בַּיי דִי זֶעכְצְן יָאר אוּן אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מִיר הֶעלְפְן צוּ קֶענֶען חֲתוּנָה מַאכְן דִי אִיבְּרִיגֶע קִינְדֶער נָאךְ פְּרִיעֶר; דוּ מֵיינְסְט מֶען לַאכְט נִישְׁט פוּן מִיר? דוּ מֵיינְסְט מֶען שְׁפֶּעט נִישְׁט פוּן מִיר? אוֹי וִוי מֶען לַאכְט, אוֹי וִוי מֶען שְׁפֶּעט, "יָשִׂיחוּ בִי יֹשְׁבֵי שָׁעַר וּנְגִינוֹת שׁוֹתֵי שֵׁכָר (תְּהִלִּים סט, יג)", אָבֶּער אַז מִיר הָאבְּן אַ רֶבִּי וָואס גֶעבְּט אוּנְז לֶעבְּן - וֶועלְן מִיר פָּאלְגְן אוּן טוּן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אוּן וָואס דִי תּוֹרָה זָאגְט.

אִיךְ בִּין אַ בַּעַל שִׂמְחָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה נֶעכְטְן נַאכְט, חַ"י אֲדָר, אַ בֵּן זָכָר לְמַזָּל טוֹב; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן

אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם בַּיי דִיר אוֹיף שְׂמָחוֹת.

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ מִיטְוָואךְ נַאכְט וֶועט זַיין אַ פְּרוּוֶוען צַאמְקוּם, מֶען וֶועט רֶעדְן פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן יוֹם טוֹב פֶּסַח; זֶע אַז דַיין ווייבּ זָאל קֶענֶען קוּמֶען. בְּלַייבּ אִין שְׁטוּבּ אַז זִי זָאל קֶענֶען קוּמֶען שֶׁעפְּן אַבִּיסְל לוּפְט צוּ קֶענֶען אָטֶעמֶען, זִי וֶועט בַּאקוּמֶען פְרִישֶׁע כֹּחוֹת צוּ קֶענֶען אָנְגְרֵייטְן אַלֶעס פַאר'ן יוֹם טוֹב פֶּסַח.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### דִי וָואס פִירְן זִיךְ בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת - דִי דֶערְהַאלְטְן זִיךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י"ט אֲדָר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן **לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער תָּם הָאט גֶעזָאגְט פַאר'ן חָכָם (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ט', מֵחָכָם וְתָּם): "זֶע צוּ וָואס מַיין תְּמִימוּת הָאט מִיךְ גֶעבְּרַאכְט צוּ אַזוֹי אֵיין גְּדֻלָּה, אוּן צוּ וָואס דַיין חָכְמָה הָאט דִיר גֶעבְּרַאכְט"; וַוייל דֶער יְסוֹד אִין אִידִישְׁקֵייט אִיז תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן לג): "אֵצֶל הָעוֹלָם אֱמוּנָה הוּא דָּבָר קָטָן, וְאֶצְלִי אֱמוּנָה הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד", בַּיי דִי וֶועלְט אִיז אֱמוּנָה אַ קְלֵיינִיקֵייט, אָבֶער בַּיי מִיר אִיז דֶער עִיקָר אֱמוּנָה, "וְעִקַּר הָאֱמוּנָה הִיא בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת וַחֲקִירוֹת כְּלָל", דֶער עִיקָר אֱמוּנָה אִיז אָן קַיין חֲקִירוֹת אוּן אָן קַיין חָכְמוֹת, "רַק בִּפְשִׁיטוּת גָּמוּר כְּמוֹ שֶׁהַנָּשִׁים וְהַהֲמוֹן עַם הַכְּשֵׁרִים מַאֲמִינִים", נָאר אַזוֹי ווִי פְּרוּוֶוען אוּן פָּשׁוּט'ע מֶענְטְשְׁן וָואס לֶעבְּן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, מִיט אֱמוּנָה, גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן גֵייעֶן אִין דִי וֶועגְן פוּן דִי תּוֹרָה.

דִי אַלֶע וָואס גֵייעֶן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת - דִי דֶערְהַאלְטְן זִיךְ; מֶען הָאט גֶעזֶען אִין אַלֶע דוֹרוֹת, דִי אַלֶע מְקוּרָבִים וָואס הָאבְן זִיךְ גֶעפִירְט מִיט תְּמִימוּת

- די הָאבְּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, זֵיי מִיט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער - אַלֶע זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידִים און די וָואס הָאבְּן זִיךְ גֶעהַאלְטְן קְלוּג, די לֵצִים וְכוּ' - פוּן זֵיי אִיז נִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן קַיין זֵכֶר רַחֲמָנָא לִצְלָן.

דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ שְׁטֶענְדִיג חַזֶר'ן די וֶוערְטֶער פוּנֶעם הֵיילִיגְן תַּם: "זֶע צוּ וָואס מַיין תְּמִימוּת הָאט מִיךְ גֶעבְּרַאכְט צוּ אַזוֹי אֵיין גְּדֻלָּה, און צוּ וָואס דַיין חָכְמָה הָאט דִיר גֶעבְּרַאכְט", דֶער תַּם אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ די גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת, עֶר אִיז גֶעוָוארְן דֶער מִינִיסְטֶער אִיבֶּער אַלֶע מִינִיסְטָארְן.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם עֶס אִיז שׁוֹין מַמָּשׁ אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעזָאגְט, אִינְדֶערְפְרִי וֶועט מֶען לוֹיפְן צוּ בְּרִיתְ'ן און נָאכְמִיטָאג וֶועט זַיין חֲתוּנוֹת; מִיר גֵייעֶן פוּן אֵיין שִׂמְחָה צוּם צְוֵייטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה אַ בֶּן זָכָר לְמַזָּל טוֹב, אִיךְ לַאדְן דִיר צוּם שָׁלוֹם זָכָר, עֶס וֶועט זַיין מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף דֶעם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת פָּרָה אִין יְשִׁיבָה.

נֶעכְטְן בִּין אִיךְ גֶעפָארְן אִין שְׁטֶעטְל, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ שֶׁבַע בְּרָכוֹת; אוֹיפְ'ן וֶועג בִּין אִיךְ אַרַיינְגֶעפָארְן קַיין קִרְיַת יוֹאֵל צוּ אַ בְּרִית בַּיי הָאַבְרֵךְ הַמֵּפִיץ ... נֵרוֹ יָאִיר, עֶר הָאט גֶעמַאכְט בְּרִיתְ'ן פַאר זַיין צְווִילִינְג. עֶר הָאט אַ נָאמֶען גֶעגֶעבְּן פַאר די קִינְדֶער נַחְמָן נָתָן און יוֹאֵל, פַאר אֵיין קִינְד נָאךְ דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וְתַלְמִידוֹ רֶבִּי נָתָן און דֶעם צְוֵייטְן קִינְד נָאכְן הֵיילִיגְן סַאטְמַאר רֶבִּי זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ.

מִיר גֵייעֶן אִין די וֶועגְן פוּן די הֵיילִיגֶע צַדִיקִים, אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת זֶענֶען גֶעבּוֹיט אוֹיף זֵייעֶר וֶועג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זַיין צוּגֶעקְלֶעבְּט אוּנְזֶער גַאנְץ לֶעבְּן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע תִּיקוּנִים.

...

## אַרײַנפְלֶעכְטְן לוֹיבּ וֶוערְטֶער אִין סֵפֶר תְּהִלִּים

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י״ט אֲדָר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַ מְחַיֶ׳ צוּ בַּאקוּמֶען אַ פַּאזֶעטִיוֶוע בְּרִיוו צְוִוישְׁן טוֹיזְנְט בְּרִיוו פוּן צָרוֹת אוּן גֶעשְׁרֵייעֶן; רוֹב מֶענְטְשְׁן טְרַאכְטְן נִישְׁט פוּן שְׁרַייבְּן ווִי גוּט עֶס גֵייט זֵיי אוּן וָואס פַאר אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן זֵיי הָאבְּן, רוֹב שְׁרַייבְּן נָאר דִי צָרוֹת אוּן דִי גֶעשְׁרֵייעֶן, דֶערִיבֶּער פְרֵיי אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר וֶוען עֶס קוּמְט אַ פַּאזֶעטִיוֶוע בְּרִיוו; ווִי שֵׁיין אַייעֶר לֶעבְּן אִיז, אַייעֶר מַאן לֶערְנְט אוּן דַאוֶונְט אוּן אִיר לֶעבְּט מִיט שָׁלוֹם.

זַייט מַמְשִׁיךְ צוּ זָאגְן תְּהִלִּים אוּן פְלֶעכְטְס אַרַיין אַייעֶרֶע אֵייגֶענֶע תְּפִילּוֹת אוּן אַייעֶרֶע אֵייגֶענֶע לוֹיבּ וֶוערְטֶער צְוִוישְׁן דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן תְּהִלִּים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַיֶ׳ מִיט דַיין ״כֶּתֶר״ פַארְ׳ן עָמוּד

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, כ׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

יֶעדֶעס מָאל דוּ דַאוֶוענְסְט תְּפִילַּת מוּסָף פַארְ׳ן עָמוּד בִּין אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶ׳. לֵיידֶער זֶענֶען זֵייעֶר אַסַאךְ מְזַלְזֵל אִין תְּפִלַּת מוּסָף, מֶען כַאפְּט אָפּ דִי תְּפִלָּה.

אִיךְ וַוארְט זֵייעֶר צוּ זָאגְן כֶּתֶר, בִּפְרַט בַּיים סוֹף ״הוּא אֱלֹקֵינוּ, הוּא אָבִינוּ״, אוּן עַל פִּי רוֹב כַאפְּט מֶען דָאס אָפּ. וֶוען מֶען זָאל טְרַאכְטְן ווִי שֵׁיין זֶענֶען דִי וֶוערְטֶער פוּן כֶּתֶר, הוּא אֱלֹקֵינוּ - זֶענֶען, וָואלְטְן זִיךְ אַלֶע אַזוֹי מְחַיֶ׳ גֶעוֶוען מִיט דֶעם.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט בְּרֶעסְלֶבְ׳עֶ חֲסִידִים דַאוֶוענֶען דִי וֶוערְטֶער מִיט אַזַא

בֶּענְקְשַׁאפְט, מִיט אַ גְלִיסְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיט בְּכִיּוֹת; זֵיי הָאבְּן גֶעטַייטְשְׁט דִי וֶוערְטֶער: "הוּא אֱלֹקֵינוּ", דוּ בִּיסְט אוּנְזֶער גָאט, "הוּא אָבִינוּ", דוּ בִּיסְט אוּנְזֶער פָּאטֶער, "הוּא מַלְכֵּנוּ", דוּ בִּיסְט אוּנְזֶער קֶענִיג, "וְהוּא מוֹשִׁיעֵנוּ", אוּן דוּ בִּיסְט אוּנְזֶער הֶעלְפֶער, "וְהוּא יוֹשִׁיעֵנוּ", אוּן דוּ וֶועסְט אוּנְז הֶעלְפְן; אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, מִיט אַזַא דוּרְשְׁט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

שְׁטַארְק זִיךְ, לֵייג אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער יִרְאַת שָׁמַיִם; רֶעד צוּ זֵיי פוּן קְדוּשַׁת הַבְּרִית, רֶעד צוּ זֵיי פוּן שְׁמִירַת עֵינַיִם, אַלֶעס מִיט אַ קְלָארְקֵייט.

...

## דֶערְהַאלְט זִיךְ נָאךְ אַבִּיסְל, אֲפִילוּ עֶס אִיז שְׁוֶוער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, כ' אֲדָר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בַּאקוּם כְּסֵדֶר דִי בִּילְדֶער פוּן שְׁטֶעטְל ווי דוּ הֶעלְפְּסְט בּוֹיעֶן דֶעם פְּלַאץ; אַזוֹי שֵׁיין מַאכְסְטוּ אוּן אַזוֹי גֶעטְרֵיי.

כַאפּ אַרַיין ווילַאנְג דוּ הָאסְט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ הֶעלְפְן דֶעם רֶבִּי'ן; נָאךְ אַבִּיסְל בַּאקוּמְסְטוּ דַיין שִׁידוּךְ, דֶעמָאלְט דַארְף מֶען שׁוֹין אַ בַּאזוּנְדֶערֶע חֲשִׁיבוּת צוּ הָאבְּן דִי זְכִיָ' צוּ קֶענֶען הֶעלְפְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, דֶערְהַאלְט זִיךְ נָאךְ אַבִּיסְל; הָאסְט זִיךְ אַזוֹי שֵׁיין דֶערְהַאלְטְן בִּיז יֶעצְט, דַארְפְסְטוּ זִיךְ דֶערְהַאלְטְן נָאכְאַמָאל, אֲפִילוּ עֶס אִיז שְׁוֶוער.

אִיךְ הָאבּ דִיר זֵייעֶר לִיבּ.

...

## פֶּסַח פְּרַאוֶועט מֶען אִין שְׁטוּבּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, כ' אֲדָר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד הַיְשִׁיבָה**

מַאךְ טִיקֶעטְס אַהֵיים צוּ פָאהְרְן אוֹיף יוֹם טוֹב פֶּסַח. פֶּסַח אִיז נִישְׁט אַ צַייט צוּ גֵיין צוּ טִישְׁן, פֶּסַח פְּרַאוֶועט מֶען אִין שְׁטוּבּ.

אִיךְ נֶעם נִישְׁט קַיין בָּחוּרִים צוּ מִיר, נָאר דִי וָואס הָאבְּן נִישְׁט וואוּ צוּ גֵיין; דִי שְׁטוּבֶּער זֶענֶען צֶעפַאלְן (הֵיי יָאר קֶען אִיךְ דָאס אוֹיךְ נִישְׁט, מַיין וַוייבּ אִיז אַ קִימְפֶּעטָארִין). דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט עֶלְטֶערְן, טֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, וואוּילֶע עֶלְטֶערְן; זָאלְסְטוּ שׁוֹין עֶרְלֶעדִיגְן אוּן מַאכְן דַיינֶע פְּלֶענֶער צוּ קֶענֶען זַיין אִין שְׁטוּבּ.

זֶע צוּ לֶערְנֶען דַיינֶע שִׁיעוּרִים תְּמִידִין כְּסִדְרָן בְּכָל יוֹם בְּלִי הֶפְסֵק, דָאס וֶועט דִיר אָפְּוָואשְׁן אוּן אָפְּרֵיינִיגְן.

גֶעדֶענְק וָואס רֶבִּי נָתָן פְּלֶעגְט זָאגְן: "אֲפִילוּ אַ בַּעַל עֲבֵירָה, אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ הַאלְטְן אִין רֶבִּי'ן, וֶועט עֶר בַּיים סוֹף אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן".

...

## אַ שְׁטַארְקֶע דִיסְצִיפְּלִין קֶען נָאר זַיין מִיט אַ שְׁטַארְקֶע לִיבְּשַׁאפְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, כ' אֲדָר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאף אִיר פַארְשְׁטֵייט וָואס מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט.

זַייט מַסְבִּיר פַאר אַלֶע טִיטְשֶׁערְס זֵיי זָאלְן ווִיסְן וָואס מִיר ווִילְן, וָואס מִיר פַארְלַאנְגֶען; פוּן אֵיין זַייט דַארְף זַיין אַ שְׁטַארְקֶע דִיסְצִיפְּלִין, אָבֶער דָאס קֶען נָאר אַרְבֶּעטְן אוֹיבּ עֶס אִיז דָא אַ שְׁטַארְקֶע לִיבְּשַׁאפְט.

דִי טִיטְשֶׁערְס מוּזְן לִיבּ הָאבְּן יֶעדֶע אֵיינְצִיגְסְטֶע מֵיידְל; זֵיי דַארְפְן רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער, שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען אַז 'קִינְדֶער זֶענֶען

קִינְדֶער׳.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, לֶעבְּט אוֹיף דִי סְקוּל; בְּרֶענְגְט אַרַיין אַ חַיּוּת אִין אִידִישֶׁע נְשָׁמוֹת. אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין טוֹיטֶע סְקוּל וָואס מֶען צִיטֶערְט צוּ אָטֶעמֶען, מֶען הָאט מוֹרָא זִיךְ צוּ גֶעבְּן אַ רִיר; מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין לָאנְדָאנֶע אַרְמֵיי.

גֶעבְּט אִיבֶּער דִי אַלֶע זַאכְן וָואס מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט פַּאר אַלֶע טִיטְשֶׁערְס.

גְלֵייבְּט מִיר, דִי מֵיידְלֶעךְ וָואס לַאכְן זִיךְ אוּנְטֶער וֶוען מֶען זָאגְט זֵיי עֶפֶּעס; דָאס הָאט נִישְׁט מִיט חוּצְפָּה, דָאס אִיז אַ שְׁוַואכְקֵייט; אַ שְׁוַואכֶע כַּארַאקְטֶער לַאכְט אָדֶער מַאכְט פַּאקְסְן וֶוען מֶען רֶעדְט פוּן זֵיי.

...

## גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער אִיבֶּער דִי מָאס

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, כ׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ גְרוֹיסְן דַאנְק פַּארְ׳ן מִיר הֶעלְפְן אַזוֹי גֶעטְרֵיי, דוּ הֶעלְפְּסְט מִיר אַז דִי מוֹסָד זָאל קֶענֶען בַּאקוּמֶען דִי נוֹיטִיגֶע הִילְף פוּן דִי שְׁטָאט, מֶען זָאל קֶענֶען בַּאצָאלְן דִי מְלַמְדִים, טִיטְשֶׁערְס אוּן עֶסְן וְכַדוֹמֶה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן וַוייטֶער הָאבְּן דִי זְכִיָ׳ צוּ טוּן גוּטֶע זַאכְן, בּוֹיעֶן מוֹסְדוֹת הַתּוֹרָה וְהַיִּרְאָה, מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי׳ן; דָאס וֶועלְן מִיר מִיטְנֶעמֶען, דָאס וֶועט בְּלַייבְּן אוֹיף אֵייבִּיג.

בְּנוֹגֵעַ הֲפָצָה; דָאס אַלֵיינְס אִיז הֲפָצָה. אַלֶע וָואס הֶעלְפְן דִי מוֹסְדוֹת - אִיז הֲפָצָה, זֵיי הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין אַלֶעס וָואס דִי מוֹסָד פַּארְשְׁפְּרֵייט.

זַיי נִישְׁט קַארְג אִין שְׁטוּב, גִיס גוּטֶע וֶוערְטֶער; טְרַאכְט נִישְׁט אוֹיב עֶס פֶעלְט אוֹיס נָאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער, גֶעבּ דַיין וַוייבּ גוּטֶע וֶוערְטֶער אִיבֶּער דִי מָאס.

...

## עֶס זָאל דִיר גָארְנִישְׁט אָנְגֵיין

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת כִּי תִשָּׂא, כ' אֲדָר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה**

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, עֶס זָאל דִיר גָארְנִישְׁט אָנְגֵיין; בֶּעט דִי וֶוערְטֶער:

**"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, עֶס זָאל מִיר גָארְנִישְׁט אָנְגֵיין, אִיךְ זָאל נִישְׁט וֶוערְן נֶערְוֶועז.**

**הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן; אִיךְ וֶוער אַזוֹי נֶערְוֶועז פוּן יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט, אִיךְ וֶוער אוֹיס פְרֵיילִיךְ בִּיז אִיךְ גֵיי אַרַיין אִין כַּעַס אוּן עַצְבוּת, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוּן אַלְץ בְּלַייבְּן פְרֵיילִיךְ".**

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט בְּקָרוֹב טְרֶעפְן דַיין שִׁידּוּךְ. אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זִיךְ וַוייטֶער פִירְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין וֶועסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ גוּטֶע נָאמֶען אוּן מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ פַאר דַיינֶע עֶלְטֶערְן.

...

## מַאךְ דִיר אַ גוּטֶע סֵדֶר אִין לֶעבְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת כִּי תִשָּׂא, כ' אֲדָר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

מַזָּל טוֹב פַאר דַיין חֲתוּנָּה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין אַז דִי שְׁכִינָה זָאל רוּעֶן בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ.

טֵייעֶרֶער ..., יֶעצְט אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע צַייט פוּן לֶעבְן; הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען הָאסְט חֲתוּנָּה גֶעהַאט, קֶענְסְטוּ יֶעצְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּקְדוּשָּׁה וּבְטָהֳרָה.

לְדַעְתִּי זָאלְסְטוּ אָנְנֶעמֶען אַן אַרְבֶּעט בַּיי ...; דוּ וֶועסְט זֵייעֶר הַנָאָה הָאבְּן, סֵיי אַז עֶס אִיז אִין שְׁטֶעטְל, סֵיי דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ גוּטֶע בַּעַל הַבַּיִת אוּן סֵיי

עֶס אִיז אַ רֵיינֶע אַרְבֶּעט, דוּ וֶועסְט זַיין בַּאשֶׁעפְטִיגְט מִיט טַלֵּיתִים אוּן בֵּייטְלֶעךְ.

מַאךְ זִיךְ אַ סֵדֶר אוֹיפְצוּשְׁטֵיין פַּארְטָאגְס; דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ זָאלְסְטוּ גֵיין אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן, זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין.

טֵייל אַיין דִי הִתְבּוֹדְדוּת אִין דְרֵיי חֲלָקִים. דִי עֶרְשְׁטֶע חֵלֶק זָאל זַיין וִידּוּי דְּבָרִים, דֶערְצֵייל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן. דִי צְוֵוייטֶע חֵלֶק, זָאלְסְטוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דִי דְרִיטֶע חֵלֶק - זָאלְסְטוּ בֶּעטְן אוֹיף וַוייטֶער.

נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ לוֹיפְן אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען; גֵיי יֶעדְן טָאג צוּם שִׁיעוּר גְּמָרָא, לֶערְן אַ בְּלַאט גְּמָרָא יֶעדְן טָאג. נָאכְדֶעם וֶועסְטוּ גֵיין בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה אוּן וֶוען דוּ עֶנְדִיגְסְט אַרְבֶּעטְן וֶועסְטוּ אַהֵיים גֵיין צוּ דַיין וַוייבּ אִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן.

...

**נָאר אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ? נָאר אִיךְ גֵיי אַרִיבֶּער שְׁוֶועריקֵייטְן?**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, כ' אֲדָר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן **לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז מֶען פְּרוּבִּירְט אוֹיס יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן מֶענְטְשׁ בָּזֶה הָעוֹלָם. מֶענְטְשְׁן טְרַאכְטְן: 'נָאר אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ? נָאר אִיךְ גֵיי אַרִיבֶּער שְׁוֶועריקֵייטְן?' מֶען פְרֶעגְט קַשְׁיוֹת: 'פַארְוָואס?' 'פַארְוָואס לַייד אִיךְ?' אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט וָואר, יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט זַיינֶע שְׁוֶועריקֵייטְן; נִישְׁטָא קֵיינֶער אוֹיף דִי וֶועלְט וָואס מוּטְשֶׁעט זִיךְ נִישְׁט.

וֶוער עֶס הָאט שֵׂכֶל דֶער קוּקְט אוֹיפְ'ן שׁוֹרֶשׁ פוּן יֶעדֶע זַאךְ, עֶר קוּקְט פוּן ווּאוּ עֶס קוּמֶען דִי שְׁוֶועריקֵייטְן, וֶוער שְׁטֵייט אוּנְטֶער דֶעם? - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט דָאס אִיז דָאס זִיכֶער גוּט, אִיז דָאס נָאר פַאר מַיין טוֹבָה.

זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, אַנְטְלוֹיף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; גֵיי צוּ אִים, רֶעד צוּ אִים,

בֶּעט אִים יֶעדֶע זַאךְ און דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס - וֶועט זִיךְ דִיר עֶפֶענֶען אַ נֵייעֶ וֶועלְט, עֶס וֶועט שַׁיינֶען אוֹיף דִיר דִי לִיכְטִיגֶע, זִיסֶע און אַיינְגֶענֶעמֶע שֵׁיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

...

## אַז מֶען הָאט גוּטֶע חֲבֵרִים, קֶען מֶען צוּקוּמֶען צוּ שֵׁיינֶע זַאכְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, כ׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה**

מַזָּל טוֹב אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען און עֶנְדִיגְן הוּנְדֶערְט און אֵיין מָאל מַסֶּכֶת תַּעֲנִית אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא״ש הָאט גֶעוָואלְט; יֶעצְט זָאלְסְטוּ נֶעמֶען נָאךְ אַ מַסֶּכְתָּא און דָאס לֶערְנֶען הוּנְדֶערְט און אֵיין מָאל, בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן גַאנְץ שַׁ״ס מֵאָה פְּעָמִים וְאֶחָד.

נֶעם נִישְׁט קַיין לַחַץ פוּן דֶעם, מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם אָן קַיין פְּרֶעשׁוּר; אוֹיבּ מֶען ווִיל קֶען מֶען דָאס בַּאוַוייזְן.

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט שׁוֹין אָט אָט טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ און דוּ וֶועסְט מַמְשִׁיךְ זַיין וַוייטֶער צוּ לֶערְנֶען נָאךְ דַיין חֲתוּנָה בְּיֶתֶר שְׂאֵת.

זֶע צוּ הָאבְּן חֲבֵרִים וָואס רֶעדְן פוּן רֶבִּי׳ן; אַז מֶען הָאט גוּטֶע חֲבֵרִים, חֲבֵרִים וָואס רֶעדְן פוּן רֶבִּי׳ן, פוּן עֲבוֹדַת הַשֵּׁם - קֶען מֶען צוּקוּמֶען צוּ שֵׁיינֶע זַאכְן. און חַס וְשָׁלוֹם פַארְקֶערְט, אוֹיבּ מֶען הָאט חֲבֵרִים לֵצִים - קֶען מֶען אַלֶעס פַארְלִירְן.

...

## אוֹיבּ דִי מוֹיל אִיז פַארְשְׁטָאפְּט, קֶען מֶען פוּן דֶעם אַלֵיינְס מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, כ׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

פַאר דִי מַתָּנָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת וָואס מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן - אִיז שׁוֹין אַלֶעס כְּדַאי; מִיר וָואלְטְן וֶוען גֶעדַארְפְט אַלֶעס אַוֶועק גֶעבְּן מִיר זָאלְן וויסְן פוּן דִי גְרוֹיסֶע עֵצָה - הִתְבּוֹדְדוּת.

דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז מִיר זָאלְן יֶעדְן טָאג גֵיין אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ אוּן זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן, אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער. זִיךְ מִתְוַדֶה זַיין אוֹיף וָואס אִיז גֶעוֶוען אוּן בֶּעטְן אוֹיף וַוייטֶער, מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ מְקוּרָב וֶוערְן צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער.

דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת אִיז כּוֹלֵל אַלֶעס; אוֹיף יֶעדֶע אֵיינְצִיגְסְטֶע פְּרָאבְּלֶעם קֶען מֶען נוּצְן דִי עֵצָה פוּן זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוֹיבּ דִי מוֹיל אִיז פַארְשְׁטָאפְּט, מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט וִוי מֶען קֶען רֶעדְן - קֶען מֶען פוּן דֶעם אַלֵיינְס מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת; מֶען קֶען בֶּעטְן:

**״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וָואס קֶען אִיךְ טוּן? אִיךְ בִּין אַזוֹי וַוייט פוּן דִיר; אִיךְ קֶען נִישְׁט עֶפֶענֶען מַיין מוֹיל, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיט דִיר״.**

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס פִירְט זִיךְ מִיט דִי הֵיילִיגֶע הַנְהָגָה; וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּצוּקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע דַרְגָּה.

...

## הֵייבּ אָן פוּנְדָאסְנֵיי

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, כ׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ זֶען דַיין נָאמֶען צְוִוישְׁן דִי וָואס הֶעלְפְן דִי יְשִׁיבָה.

הַכָּרַת הַטּוֹב אִיז פוּן דִי שֶׁענְסְטֶע מִידוֹת; אַז דוּ גֶעדֶענְקְסְט דִי יָארְן וָואס דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט אִין יְשִׁיבָה, דוּ הָאסְט קוֹנֶה גֶעוֶוען אַזוֹיפִיל שֵׂכֶל אוּן הַדְרָכָה פַארְ'ן לֶעבְּן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, בַּאנֵיי זִיךְ; הֵייבּ אָן פוּנְדָאסְנֵיי, זָאג פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "אִיךְ הֵייבּ אָן פוּן יֶעצְט", זָאג פַארְ'ן בַּאשֶׁעפֶער: "אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין גוּט, אִיךְ גֵיי דִיר זַיין גֶעטְרֵיי; זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן בִּיז יֶעצְט".

ווֹאוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וֵוייסְט אַז עֶר קֶען אַלְץ אָנְהֵייבְּן אוּן מֶען קֶען אַלְץ פַארְרֶעכְטְן.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

## דִבְרֵי הֶסְפֵּד אוֹיף כְּבוֹד קְדוּשַׁת הַגָּאוֹן הַצַּדִיק גַאֲבַ"ד קַארְלְסְבּוּרְג זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ"ד אֲדָר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הָאסְט אַוַדַאי גֶעהֶערְט דִי בִּיטֶערֶע נֵייעֶס, אַז מַיין גְרוֹיסֶער זֵיידֶע, כְּבוֹד קְדוּשַׁת הַגָּאוֹן הַצַּדִיק מִקַּארְלְסְבּוּרְג אִיז נֶעכְטְן נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן; אִיךְ בִּין גֶעוֶוען נֶעכְטְן אַ גַאנְצְן טָאג פַארְנוּמֶען מִיט דִי לְוָיָ', אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן.

אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען לַאנְגֶע יָארְן צוּ הָאבְּן דִי זְכִיָה אִים מְשַׁמֵשׁ זַיין בַּייטָאג אוּן בַּיינַאכְט; אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין מִיט אִים לַאנְגֶע יָארְן זַיין חַבְרוּתָא, יֶעצְט אִיז עֶר נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן.

אִים פֶעלְט גָארְנִישְׁט; עֶר גֵייט אַרוֹיף אִין הִימְל מִיט זַיינֶע יָארְן, אָנְגֶעפִילְטֶע יָארְן מִיט תּוֹרָה, תְּפִלָּה אוּן דְבֵיקוּת בְּשֵׁם; עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ אַרוֹיסְצוּבְּרֶענְגֶען וֶוער דֶער אִיד אִיז גֶעוֶוען.

אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין מִיט אִים מַיין עֶרְשְׁטֶע מָאל אִין לֶעבְּן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן, צְוֵויי מָאל בִּין אִיךְ גֶעוֶוען מִיט אִים אִין אוּמַאן, אוּן בַּיי נָאךְ אַסאךְ מְקוֹמוֹת הַקְדוֹשִׁים. אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין מִיט אִים צֶענְדְלִיגֶער מָאל פַאר אַפָּאר וָואכְן אִין אֵיין צִי אִין מִירוֹן בַּיים הֵיילִיגְן תַּנָּא רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי, אִיךְ הָאבּ אִים מְשַׁמֵּשׁ גֶעוֶוען אוּן גֶעלֶערְנְט מִיט אִים נִגְלֶה אוּן נִסְתָּר, אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ בַּאקוּמֶען פוּן אִים שִׁמּוּשׁ אוּן הוֹרָאָה.

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט דִי זְכִיָּה צוּ זֶען וָואס הֵייסְט אַ דַאוֶונֶען, וָואס הֵייסְט לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע, וָואס הֵייסְט זָאגְן בִּרְכַּת הַתּוֹרָה; יֶעדֶע זַאךְ וָואס אַ אִיד דַארְף טוּן הָאט עֶר גֶעטוּן מִיט אַזַא זִיסְקֵייט, מִיט אַזַא גֶעשְׁמַאק, עֶס הָאט גֶעהַאט אַלֶע חֵן אִין דֶער וֶועלְט.

מַיין זֵיידֶע דֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק אִיז גֶעקוּמֶען קַיין יַבְנְאֵל מְחַזֵּק זַיין מוֹהֲרָא״שׁ וֶוען מוֹהֲרָא״שׁ הָאט גֶעהַאט דִי רְדִיפוֹת; עֶר הָאט מְחַזֵּק גֶעוֶוען מוֹהֲרָא״שׁ מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

הַיינְט נַאכְט מַאךְ אִיךְ אַ וַואכְנַאכְט בַּיי מַיין שְׁוֶוער אִין וֵוייצֶענֶער בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, אִיךְ וִויל דִיר לַאדֶענֶען פֶּערְזֶענְלִיךְ, מָארְגְן וֶועט זַיין דֶער בְּרִית בַּיי מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ״א אִין קַארְלְסְבּוּרְג. מַיין טַאטֶע אִיז נֶעכְטְן נַאכְט גֶעפָּארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מִיט דִי מִטָּה, יֶעצְט קוּמְט פָאר דִי לְוָיָה אוּן דִי קְבוּרָה אִין מִירוֹן; עֶר וֶועט שׁוֹין זַיין צוּרִיק אוֹיף מָארְגְן אִינְדֶערְפְרִי.

גֶעבּ אַ קוּק וָואס בְּלַייבְּט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ. מַיין זֵיידֶע זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט מִיט גֶענוּמֶען מִיט זִיךְ כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ; אִים אִיז יֶעצְט גוּט, עֶר גֵייט אַרוּיף אִין הִימְל מִיט כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ - נִגְלֶה אוּן נִסְתָּר. זַיין גַאנְץ לֶעבְּן הָאט עֶר נָאר גֶעלֶערְנְט; דָאס קֶען מֶען נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין פַאר וֶוער עֶס הָאט דָאס נִישְׁט גֶעזֶען, בַּיי אִים אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַזַא זַאךְ וִוי זִיךְ אָפְּרוּעֶן, עֶר אִיז גֶעזִיצְן אוּן גֶעלֶערְנְט טָאג אוּן נַאכְט, עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין בֶּעט.

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען מִיט מַיינֶע אוֹיגְן אִיבֶּער דְרַייסִיג יָאר דֶעם אִיד לֶערְנֶען אַ גַאנְצֶע נַאכְט; מִיר הָאבְּן גֶעוואוֹינְט הֶעכֶער זַיין דִירָה, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזֶען נָאר לֶערְנֶען, עֶר פְלֶעגְט זִיךְ וַוארְפְן דִי הֶענְט אוּן דִי פִיס אַז עֶר זָאל נִישְׁט

אַיינְשְׁלָאפְן; יֶעצְט וֶועט עֶר עֶסְן דִי שְׂכַר אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

אִיךְ לוֹיף אַרַיין צוּ דִי בָּחוּרִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִיר דַארְפְט גֵיין אִינְאֵיינֶעם צוּ אַן עֶרְלִיכֶער רָב וָואס זָאל אַייךְ מַדְרִיךְ זַיין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ״ד אֲדָר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

זַיי מִיר מוֹחֵל, דִי זַאכְן קֶען מֶען נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן בִּכְתָב מִפְּנֵי הַצְּנִיעוּת.

דוּ מִיט דַיין וַוייבּ דַארְפְן גֵיין אִינְאֵיינֶעם צוּ אַן עֶרְלִיכֶער רָב וָואס וֶועט אַייךְ מַדְרִיךְ זַיין וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אִין שְׁטוּבּ; וַוייל פוּן אַייעֶר שְׁאֵלָה זֶעט זִיךְ אָן אַז מֶען הָאט אַייךְ נִישְׁט גוּט מַדְרִיךְ גֶעוֶוען, מֶען הָאט אַייךְ גֶעלֶערְנְט פַאלְשֶׁע הַדְרָכוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, כְּאִילוּ דָאס חֲתוּנָה הָאבְּן אִיז אַ בְּדִיעֶבֶד שֶׁבְּדִיעֶבֶד.

לֵיידֶער לֵיידֶער אִיז דָאס גֶעוָוארְן אַ בִּיזְנֶעס; מַדְרִיכִים אוּן מַדְרִיכוֹת, מֶען לֶערְנְט מִיט חֲתָנִים אוּן כַּלּוֹת, מֶען מַאכְט פוּן דֶעם אַ נֶערְווֹן זַאךְ אוּן פוּן דֶעם קוּמֶען אַרוֹיס פִילֶע מִכְשׁוֹלוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶען צִיט זִיךְ נִישְׁט אַוֶועק פוּן אֵיין לַאנְד צוּם צְוֵייטְן צוּלִיבּ פַּרְנָסָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ״ד אֲדָר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... שֶׁיִּחְיוּ**

אוֹיבּ אִיז דִי גַאנְצֶע שְׁאֵלָה בְּנוֹגֵעַ פַּרְנָסָה, זֶע אִיךְ נִישְׁט פַארְוָואס אִיר זָאלְט זִיךְ אַוֶועקְצִיעֶן, וַוייל פַּרְנָסָה גֶעבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער; מֶען צִיט זִיךְ נִישְׁט אַוֶועק פוּן אֵיין לַאנְד צוּם צְוֵייטְן צוּלִיבּ פַּרְנָסָה. עֶס זֶענֶען דָא גֶענוּג אוּן נָאךְ מֶענְטְשְׁן מִיט פַּרְנָסָה אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן גֶענוּג אוּן נָאךְ מֶענְטְשְׁן אִין חוּץ לָאָרֶץ וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה; צוּלִיבּ דֶעם זָאלְט אִיר נִישְׁט קוּמֶען קַיין חוּץ לָאָרֶץ.

הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (תַּנְחוּמָא תַזְרִיעַ, ו): ״מַעֲשֶׂה בְּכֹהֵן אֶחָד שֶׁהָיָה רוֹאֶה אֶת הַנְּגָעִים״, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ כֹּהֵן וָואס פְלֶעגְט קוּקְן נְגָעִים, ״מָטָה יָדוֹ, בִּקֵּשׁ לָצֵאת לְחוּצָה לָאָרֶץ״, מִיט דִי צַייט אִיז עֶר גֶעוָוארְן אָרֶעם אוּן עֶר הָאט גֶעוָואלְט אַרוֹיסגֵיין קַיין חוּץ לָאָרֶץ מַאכְן גֶעלְט, ״קָרָא לְאִשְׁתּוֹ אָמַר לָהּ: בִּשְׁבִיל שֶׁבְּנֵי אָדָם רְגִילִין לָבֹא אֶצְלִי לִרְאוֹת אֶת הַנְּגָעִים, קָשֶׁה עָלַי לָצֵאת מֵעֲלֵיהֶם״, הָאט עֶר גֶערוּפְן זַיין וַוייבּ אוּן אִיר גֶעזָאגְט: עֶס אִיז מִיר שְׁוֶוער אַוֶועק צוּ גֵיין קַיין חוּץ לָאָרֶץ וַוייל מֶענְטְשְׁן קוּמֶען דָא כְּסֵדֶר וַוייזְן זֵייעֶרֶע נְגָעִים, ״אֶלָּא בּוֹאִי וַאֲנִי מְלַמְּדֵךְ שֶׁתְּהֵא רוֹאָה אֶת הַנְּגָעִים״, אִיךְ וֶועל דִיר אוֹיסְלֶערְנֶען וִוי אַזוֹי מֶען קוּקְט אוֹיף אַ נֶגַע, אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען קוּקְן נְגָעִים אוּן אִיךְ וֶועל קֶענֶען פָארְן קַיין חוּץ לָאָרֶץ מַאכְן גֶעלְט, ״אִם רָאִית שְׂעָרוֹ שֶׁל אָדָם שֶׁיָּבֵשׁ הַמַּעְיָן שֶׁלּוֹ, תְּהֵא יוֹדַעַת שֶׁלָּקָה״, עֶר הָאט אִיר גֶעלֶערְנְט אַז אוֹיבּ זִי זֶעט וִוי דִי קְוָואל פוּנֶעם הָאר אִיז פַארְטְרִיקְנְט אִיז אַ סִימָן אַז דֶער הָאר אִיז גֶעשְׁלָאגְן, ״לְפִי שֶׁכָּל שֵׂעָר וְשֵׂעָר, בָּרָא לוֹ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַעְיָן בִּפְנֵי עַצְמוֹ שֶׁיְּהֵא שׁוֹתֶה מִמֶּנּוּ״, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן פַאר יֶעדְן הָאר בַּאזוּנְדֶער אַ קְוָואל פוּן ווַאו דֶער הָאר זָאל הָאבְּן פַּרְנָסָה צוּ לֶעבְּן, ״יָבֵשׁ הַמַּעְיָן, יָבֵשׁ הַשֵּׂעָר״, אָבֶּער אַז דֶער קְוָואל אִיז טוֹיט אִיז אַ סִימָן אַז דֶער הָאר אִיז טוֹיט, ״אָמְרָה לוֹ אִשְׁתּוֹ, וּמָה אִם כָּל שֵׂעָר וְשֵׂעָר,

בָּרָא לוֹ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַעְיָן בִּפְנֵי עַצְמוֹ שֶׁיְּהֵא שׁוֹתֶה מִמֶּנּוּ. אַתָּה שֶׁאַתָּה בֶּן אָדָם, כַּמָּה שְׂעָרוֹת יֵשׁ בְּךָ, וּבָנֶיךָ מִתְפַּרְנְסִין עַל יָדְךָ, לֹא כָּל שֶׁכֵּן שֶׁיְּזַמֵּן לְךָ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא פַּרְנָסָה", הָאט אִים זַיין וַוייבּ גֶעזָאגְט: מַה דָאךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן פַאר יֶעדְן הָאר בַּאזוּנְדֶער אַ קְוואל פוּן וואו דֶער הָאר זָאל הָאבְּן צוּ לֶעבְּן, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז דוּ וָואס דוּ הָאסְט טוֹיזְנְטֶער הָאר, דוּ הָאסְט אַ וַוייבּ אוּן קִינְדֶער וָואס נֶעמֶען פַּרְנָסָה פוּן דִיר וֶועט דִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער גֶעבְּן פַּרְנָסָה, "לְפִיכָךְ לֹא הֵנִיחָה אוֹתוֹ לָצֵאת חוּצָה לָאָרֶץ", זִי הָאט אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק מְחַזֵּק גֶעוֶוען אוּן אִים נִישְׁט גֶעלָאזְט פָארְן קַיין חוּץ לָאָרֶץ.

אַז אִיר דַארְפְט פַּרְנָסָה זָאלְט אִיר נֶעמֶען דִי סְגוּלָּה וָואס מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג חַזֶר'ן: "דֶער וָואס בֶּענְטְשְׁט בִּרְכַּת הַמָּזוֹן בְּכַוָּנָה וָוארְט בַּיי וָוארְט, אִינֶעוֵוייניג אִין אַ בֶּענְטְשֶׁער - וֶועט וֶוערְן רַייךְ".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נֶעם דֶעם רֶבִּי'ן פַאר דִיר, מַאךְ נִישְׁט קַיין רַעַשׁ אוּן קַיין טוּמְל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ"ד אֲדָר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס דַארְפְסְטוּ מְצַעֵר זַיין דַיין טַאטֶע מַאמֶע, וָואס דַארְפְן זֵיי וִויסְן בִּכְלַל אַז דוּ שֶׁעפְּסְט חַיּוּת פוּן רֶבִּי'ן? לְדַעְתִּי קֶענְסְטוּ דָאס בַּאהַאלְטְן פוּן זֵיי, בִּפְרַט וֶוען זֵיי זָאגְן קְלָאר עֶס שְׁטֶערְט זֵיי נִישְׁט אַז דוּ הֶערְסְט שִׁיעוּרִים אוּן אַז דוּ הָאסְט חַיּוּת פוּן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים; זֵיי בֶּעטְן דִיר נָאר אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט מַאכְן קַיין רַעַשׁ אוּן אַ טוּמְל, קֶענְסְטוּ דָאס בַּאהַאלְטְן פוּן זֵיי.

נֶעם דֶעם רֶבִּי'ן פַאר דִיר, מַאךְ נִישְׁט קַיין רַעַשׁ אוּן קַיין טוּמְל. אַז דוּ

ווילְסְט פָאַרְן קַיין יַבְנְאֵל – זָאלְסְטוּ פָאַרְן גֶעזוּנְטֶערְהֵייט, וָואס דַארְפְן דַיינֶע עֶלְטֶערְן מִיטְהַאלְטְן אַז דוּ פָארְסְט? אַז דוּ ווילְסְט גֵיין צוּ דִי חֲבוּרוֹת זִיךְ מְחַזֵק זַיין – זָאלְסְטוּ גֵיין גֶעזוּנְטֶערְהֵייט, אָבֶער וָואס דַארְפְסְטוּ יֶעדְן אֵיינֶעם מוֹדִיעַ זַיין וואוּ דוּ גֵייסְט? דַאנְק דֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן אַז דַיין וַוייבּ אִיז דִיר נִישְׁט קַיין מוֹנֵעַ, זִי הַאלְט דִיר נִישְׁט אָפּ, קֶענְסְטוּ דָאךְ דִינֶען דֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן אַזוֹי שֵׁיין, אַזוֹי זִיס, אָן מַחֲלֹקֶת.

אֵיי וֶועסְטוּ פְרֶעגְן, וָואס וֶועסְטוּ טוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה? רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְפְן דָאךְ אַלֶע קוּמֶען קַיין אוּמַאן; בִּיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז דָא אַסַאךְ צַייט, קֶענְסְט נָאךְ אַסַאךְ מִתְפַּלֵל זַיין דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה. אַלֶע דַארְפְן מִתְפַּלֵל זַיין אוֹיף דֶעם, מֶען הָאט דָאךְ גֶעזֶען וָואס הָאט פַּאסִירְט פַאר'יָאר תשפ״א וֶוען דִי גְרֶענִיצְן זֶענֶען גֶעוָוארְן פְּלוּצְלוּנְג פַארְשְׁלָאסְן, וֶוער וֵוייסְט וָואס גֵייט זַיין דִי יָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה תשפ״ב הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה? קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס גֵייט זַיין, קֵיינֶער אִיז נִישְׁט פַארְזִיכֶערְט, אַלֶע דַארְפְן מִיר אָנְקוּמֶען צוּ תְּפִלָּה; אָבֶער בִּיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז דָאךְ מַמָּשׁ אַ שָׁאד זִיךְ צוּ קְרִיגְן.

לֵיין אִיבֶּער דֶעם בְּרִיווּ אַפָּאר מָאל, לֵיין עֶס נִישְׁט שְׁנֶעל; וֶועסְטוּ זֶען אַ וֶועג ווִי אַזוֹי דוּ זָאלְסְט קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן, שְׁפִּירְן דִי זִיסֶע גֶעשְׁמַאקֶע אַיינְגֶענֶעמֶע לִיכְטִיגְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן – אָן קַיין מַחֲלֹקֶת, אָן קְרִיגֶערֵייעֶן.

דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה גֵייעֶן אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – ב' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ״ה אֲדָר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בִּין נָאכְנִישְׁט בַּיי מַיינֶע כֹּחוֹת; דִי פְּטִירָה פוּן מַיין זֵיידֶע הָאט מִיר

זֵייעֶר צֶעשָׁאקְלְט, אִיךְ בִּין זֵייעֶר אָפְּגֶעשְׁוַואכְט. אִיךְ הַאלְט אִינְמִיטְן אַ שִׂמְחָה; הַיינְט מַאךְ אִיךְ אַ וַואכְטְנַאכְט אוּן מָארְגְן אַ בְּרִית פַּאר מַיין זוּן, אִיךְ פְּרוּבִיר מִיט אַלֶע כֹּחוֹת זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן, וַוייל דִי וֶוייטָאג פוּן דִי פְּטִירָה אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק.

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָאְרשְׁטֶעלְן וָואס פַאר אַ זֵיידֶע מִיר הָאבְּן גֶעהַאט, וָואס פַאר אַ צַדִיק מִיר הָאבְּן גֶעהַאט אִין אוּנְזֶער דוֹר. מוֹהֲרָא"שׁ פְּלֶעגְט מִיר שְׁטֶענְדִיג זָאגְן: "דוּ הָאסְט אַ זֵיידֶע אַ צַדִיק". מַיין זֵיידֶע זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט שְׁטֶענְדִיג מְחַזֵק גֶעוֶוען מוֹהֲרָא"שׁ; עֶר אִיז גֶעפָארְן קַיין יַבְנְאֵל מְחַזֵק זַיין אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וֶוען מוֹהֲרָא"שׁ הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט פָארְן, וֶוען דִי מַלְכוּת הָרִשְׁעָה, דִי עֵרֶב רַב - הָאבְּן אִים גֶעוָואלְט לֵייגְן אִין תְּפִיסָה פַאר'ן חֲתוּנָה מַאכְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער יוּנְגֶערְהֵייט זֵיי צוּ רַאטֶעוֶוען פוּן עֲבֵירוֹת.

מַיין זֵיידֶע הָאט זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט בְּרֶסְלֶבְ'עֶ אִידְן, עֶר פְּלֶעגְט מִיר אַלְץ וַוייזְן אִין מִירוֹן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וִוי זֵיי דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ יוּנְגֶער בָּחוּר פוּן פֶערְצְן יָאר, אִיךְ פְלֶעג גֵיין מִיט מַיין זֵיידֶע קַיין מִירוֹן אִים מְשַׁמֵשׁ זַיין; עֶר פְּלֶעגְט זִיצְן אִין דִי מְעָרָה בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן אַ גַאנְצֶע נַאכְט. דֶעמָאלְט אִיז אִין מִירוֹן נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען אַזַא פַארְקֶער מִיט מֶענְטְשְׁן אַזוֹי וִוי הַיינְט, אִינְמִיטְן יָאר, אִינְמִיטְן וִוינְטֶער - אִיז קוֹים גֶעוֶוען צְוֵויי מִנְיָנִים שַׁחֲרִית אוּן בַּיינַאכְט הָאבְּן מִיר גֶעדַארְפְט וַוארְטְן בִּיז מֶען הָאט גֶעהַאט מִנְיָן. עֶס פְּלֶעגְט זַיין קַאלְט אִין דִי מְעָרָה, דָאךְ אִיז עֶר גֶעזִיצְן אוּן גֶעלֶערְנְט גַאנְצֶע נֶעכְט.

אִיךְ פְּלֶעג לֶערְנֶען מִיט אִים אִינְאֵיינֶעם, עֶר הָאט מִיר מִיט גֶענוּמֶען וֶוען עֶר פְּלֶעגְט גֶעבְּן אַ שִׁיעוּר אִין קַבָּלָה; אֵיינְמָאל הָאט מִיר אֵיינֶער פוּן דִי רַבָּנִים גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס אִיךְ קוּם מִיט יֶעדְן טָאג, אוֹיבּ אִיךְ פַארְשְׁטֵיי; הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט דֶעם אֱמֶת אַז אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט, פְרֶעגְט עֶר מִיר: "פַארְוָואס קוּמְסְטוּ מִיט, וָואס הָאסְטוּ פוּן זִיצְן דָא לַאנְגֶע שָׁעוֹת?" הָאט מַיין זֵיידֶע זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט זָאל עֶר זִיצְן מִיט מִיר, וֶועט אַרַיינְגֵיין אִין אִים דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער".

פוּן אֵיין זַייט בִּין אִיךְ זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן פוּן דִי פְּטִירָה, פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט

בִּין אִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין מִיט דִי עֲבוֹדַת הַקוֹדֶשׁ. מִיטְוָואךְ וֶועט זַיין אַ שִׁיעוּר פַּאר דִי פְּרוֹיעֶן, אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ אַז דַיין וַוייבּ זָאל קֶענֶען קוּמֶען, עֶס וֶועט זַיין שְׁטַארְקֶע חִיזוּק פַּאר זֵיי בִּכְלָלִיוּת אוּן בִּפְרָטִיּוּת אוֹיף פֶּסַח.

מָארְגְן אִינְדֶערְפְרִי וֶועל אִיךְ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף מַאכְן דִי בְּרִית בַּיי מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א אִין קַארְלְסְבּוּרְגֶער בֵּית הַמֶּדְרָשׁ; אִיךְ וֵוייס נָאכְנִישְׁט דִי פּוּנְקְטְלִיכֶע צַייט, אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן וֶוען עֶר קוּמְט צוּרִיק פוּן מִירוֹן, פוּן דִי קְבוּרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

פְּאֵר קִינְדֶער

## אוֹיסְגֶעריִסְן דֶעם טָמֵא'נֶעם צֶלֶם

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה וָואס הָאט פַּאסִירְט מִיט אִים אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן.

קִינְדֶער, אִיר וֵוייסְט דָאךְ אַלֶע, דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט זֵייעֶר אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶער רֶבִּי אִיז גֶעגַאנְגֶען אַסַאךְ שְׁפַּאצִירְן אִין פֶעלְדֶער אוּן אִין וֶועלְדֶער. עֶר הָאט אַמָאל גֶעוִויזְן מִיט זַיין הַאנְט פַאר זַיין גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד, דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי נָתָן: "זֶעסְט דִי אַלֶע בֶּערְג? זֶעסְט דִי אַלֶע פֶעלְדֶער? אִיבֶּערָאל בִּין אִיךְ גֶעוֶוען הִתְבּוֹדְדוּת".

דָארְט צְוִוישְׁן דִי פֶעלְדֶער וואוּ דֶער רֶבִּי אִיז גֶעגַאנְגֶען זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער צֶלֶם פוּן עֲבוֹדָה זָרָה, דָאס הָאט זֵייעֶר גֶעשְׁטֶערְט דֶעם רֶבִּי'ן פוּן זַיין הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט גְרוֹיסֶע יְסוּרִים פוּן דֶעם. הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל גֶעשֶׁען אַ מוֹפֵת, דֶער צֶלֶם זָאל אוֹיסְגֶעריִסְן וֶוערְן, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, גְרוֹיסֶער בַּאשֶׁעפֶער, מַאךְ אַ נֵס; וַוייז מִיר אַז דוּ

הֶערְסְט אוֹיס מַיינֶע גֶעבֶּעטְן, רַייס אוֹיס דֶעם טָמֵא׳נֶעם צֵלֶם, עֶס שְׁטֶערְט מִיר; אִיךְ וִויל עֶס נִישְׁט זֶען, אִיךְ וִויל קֶענֶען רֶעדְן צוּ דִיר אוּן זַיין צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דִיר״.




דֶער טָמֵא׳נֶער צֵלֶם צֶעשְׁפְּלִיטֶערְט אוֹיף דֶער עֶרְד

ווּאוּנְדֶער אִיבֶּער ווּאוּנְדֶער, דֶער צֵלֶם אִיז פְּלוּצְלוּנְג אַרָאפְּגֶעפַאלְן בִּיז צוּם עֶרְד! דָאס הָאט זֵייעֶר גֶעשְׁטַארְקְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, עֶר הָאט גֶעזֶען מִיט זַיינֶע הֵיילִיגֶע אוֹיגְן אַז וָואס מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הֶעלְפְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

קִינְדֶער, לָאמִיר נָאכְמַאכְן דֶעם רֶבִּי'ן, לָאמִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אוּנְזֶער מַאמֶע לָשׁוֹן אַזוֹי וִוי אַ קִינְד רֶעדְט צוּ זַיין טַאטֶע, אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אַ גוּטֶע נָאנְטֶע פְרַיינְט; אַזוֹי דַארְפְן מִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מִיר ווִילְן, וָואס עֶס טוּט אוּנְז וֵוייא און בְּעִיקָר בֶּעטְן מִיר זָאלְן זַיין עֶרְלִיךְ, מִיר זָאלְן לֶערְנֶען און דַאוְונֶען, מִיר זָאלְן נִישְׁט פָאלְגְן דֶעם יֵצֶר הָרָע, מִיר זָאלְן פָאלְגְן נָאר דֶעם יֵצֶר טוֹב; בִּיז מִיר וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים.

---

**חשוב'ע טייערע קינדער שיחיו!**

**כאפטס אריין, די קומענדיגע גורל גייט מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף ווערן ארויסגעצויגן דעם זונטאג פרשת ויקרא, ראש חודש ניסן!**

**דו קענסט זיין דער גליקליכער געווינער!**

**געדענקט, מיט יעדע מעסידזש וואס מען שיקט אריין גייט מען נאכאמאל אריין אינעם גורל!**

די נומער וואו מען קען דערווייל לאזן מעסידזשעס איז:

718-387-2691 - אפציע 6, די קינדער וואס לערנען אין די היכל הקודש ברסלב תלמוד תורה קענען דאס איבערגעבן פאר זייער מלמד שליט"א, אדער קען מען דאס שיקן אויף פאסט צום אדרעסס:

Keren Hadfusa of Breslev 27 Skillman Street Brooklyn NY 11205

אזוי אויך קען דאס ווערן געשיקט דורך די עלטערן צום אימעיל אדרעסס: info@kerenhadfusa.org

---

בס״ד

# קול ברסלב האטליין אפדעיטס, מאנטאג כי תשא - מאנטאג ויקהל פקודי תשפ״א

דרוקט (1) פאר אידיש, און דערנאך:

## 0 אפדעיטס און נייעס

## 1 חיזוק יומי • נייע שיעורים

◄ 1 חיזוק יומי פון ראש ישיבה שליט״א

- יא, איך בין דער: ״וואס טוסטער״, יא, איך בין דער: ״ביסטאך א משוגענער״, איך בין דאס...!
- האסט נישט געדאווענט יום כיפור? דאווען אין ג-ט׳ס נאמען!
- קענסט די אלטע בחורים פון שומר שבת?...
- ער ברענגט מיר א בארד פאר משלוח מנות...!
- שאאא! די פיש שלאפן, נישט טאנצן און צעברעכן די קויטש!

◄ 2 חיזוק יומי פון מוהרא״ש זי״ע

◄ 3 נייסטע שיעור פאר בחורים

◄ 4 נייסטע שיעור פאר אינגעלייט

◄ 5 נייסטע שיעור אין בבלי

◄ 6 נייעסטע שיעור אין ירושלמי

◄ 7 קאראנע אפטיילונג

◄ 9 ענינא דיומא: *** יום טוב פסח אפטיילונג***

1 שיעורים פון דער ראש ישיבה שליט"א אויף פסח

2 שיעורים פון מוהרא"ש זכותו יגן עלינו אויף פסח

3 נוסח ההגדה

4 מגילת שיר השירים הערליך פארגעלערנט

5 סיפורי צדיקים אויף פסח פאר קינדער

6 משניות מסכת פסחים מיט צו זאגן

## 2 שיעורים פון ראש ישיבה שליט"א (ביים סוף פון די וועכנטליכע מפתח איז דא ליסטע פון שיעורים פון די פארגאנגענע יארן)

1 טעגליכע דרשות

7

1

103 – דרשה פון דינסטאג פרשת כי תשא: שבע ברכות פון החתן שלום יוסף ניישטיין הי"ו

104 – דרשה פון מיטוואך פרשת כי תשא: באפרייט פונעם טעלעפאן

2 וועכענטליכע דרשות

6

20 - שיעור פאר אינגעלייט ליל ה' כי תשא: א מתנה פאר די ווייב

◄ 3 מועדים וזמנים

◄ 4 חינוך שיעורים

◄ 5 שו"ת און בריוו

◄ 6 שולחן ערוך

◄ 7 גמרא בבלי

◄◄ 4

101 - פסחים דף קא, ביים סוף: חיזוק פאר מלמדים

102 - פסחים דף קב, ביים סוף: חיזוק פאר מלמדים

103 - פסחים דף קג, ביים סוף: חיזוק פאר מלמדים

104 - פסחים דף קד, ביים סוף: חיזוק פאר מלמדים

105 - פסחים דף קה, ביים סוף: רעדן צו קינדער זיך אכטונג צו געבן פון שלעכטע מענטשן

106 - פסחים דף קו, ביים סוף: ווי אזוי גרייט מען זיך אויף פסח?

107 - פסחים דף קז

◄ 8 שיעורי נ"ך

◄◄ 7

מיטצוהאלטן די שיעור אין נ"ך, לויט די סדר פון צוויי פרקים ליום, וואו מען האלט יעצט אין ספר ישעיה, קען מען דרוקן נומער 7 און אויסוועלן די קאפיטל וואס מען וויל הערן.

צו הערן מגילת שיר השירים הערליך פארגעלערנט דורכ'ן ראש ישיבה שליט"א, דרוקט 1, 9, 4 פון די מעין מעניו.

◀ 9 גמרא ירושלמי

- פרישע שיעורים צוגעלייגט

◀ 10 חיזוק קאלס

◀ 11 משנה תורה להרמב״ם

- פרישע שיעורים צוגעלייגט

## 3 שיעורים פון מוהרא״ש זי״ע

◀ 1 בראשית

◀ 2 שמות

◀ 3 ויקרא

◀ 4 במדבר

◀ 5 דברים

◀ 6 מועדים וזמנים

◀ 7 פארשידענע דרשות

◀ 8 ליקוטי מוהר״ן

◀ 9 שמועסן פון פריערדיגע יארן

## 4 מלמדים שטיבל • אנדערע שיעורים

◀ 1 שיעורים פון הרב יצחק לעזער שליט״א

◀ 2 מלמדים שטיבל • שיעורי חינוך • אינטערוויוס

◀◀ 1 מלמדים שטיבל

- פרישע שמועסן

◀◀ 2 חינוך שמועסן פון די גמרא שיעורים פון ר״י

◀◀ 3 חינוך שיעורים פון ראש ישיבה שליט״א

◀◀ 4 חינוך שיעורים אין ת״ת היכל הקודש וומ״ס

◀◀ 5 אינטערוויוס מיט מלמדים און מחנכים

## 5 היכל נגינה

◀ 0 אלע ניגונים שאפל רענדאם

◀ 1 ווארימע ניגונים

◀ 2 גראמען

◀ 3 לעבעדיגע ניגונים

◀ 4 נוסח

◀ 5 סינגלס

◀ 6 ניגונים אן מוזיק לימי הספירה

## 6 שיעורים מיט צו זאגן

◀ 1 משניות

◀ 2 תהילים • תיקון הכללי • תפילת הדרך • פרשת המן

◀ 3 חומש

◀ 4 **ב**בלי, **י**רושלמי, **ת**וספתא **נצחי**

◀ 5 ליקוטי מוהר"ן

## 7 פאמיליע ווינקל

◀ 1 מעשיות פון תפלה

- פרישע שמועסן

◀ 2 סיפורי מעשיות

◀ 3 סיפורי צדיקים

◀ 4 הפצה בליצן

- פרישע שמועסן

◀ 5 אינטערוויוס

◀ 6 15 מינוטיגע לאנטש ברעיק שמועסן

◀ 7 שיחות חברים

- פרישע שמועסן

## 9 נדבות • אנווייזונגען • הוקאפ • מערכת

◀ 1 נדבות

## ◀ 2 אנווייזונגען וויאזוי צו נוצן דעם האטליין

## ◀ 3 וויאזוי צו באקומען די חיזוק יומי און די שיעורים

## ◀ 4 די טעלעפאן נומערן פון קול ברסלב אין אנדערע לענדער

## ◀ 5 לייוו הוקאפ

## ◀ 9 צו לאזן א מעסעדזש פאר'ן מערכת

### שיעורים און דרשות פון דער ראש ישיבה שליט״א פון די פארגאנגענע יארן

~דרוקט 1 פאר אידיש, 2 פאר שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א און דערנאך 1 פאר טעגליכע דרשות~

2, 37: א' ויקהל תשע"ו – זיי א געבער און נישט קיין נעמער
2, 38: ג' ויקהל תשע"ו – מען קען האבן א גוט לעבן
2, 39: ה' ויקהל תשע"ו – דו טויגסט יא
2, 40: א' פקודי תשע"ו – הכרת הטוב
2, 41: ב' פקודי תשע"ו – דער שידוך וועט ווערן
2, 42: ג' פקודי תשע"ו – דו ביזט נישט פארבלאנזשעט
2, 43: ה' פקודי תשע"ו – שבת קודש
2, 44: ה' ויקרא תשע"ו – אן קיין ספיקות

3, 75: א' ויקהל-פקודי תשע"ז – געב זיך אליין אן עצה
3, 76: ב' ויקהל-פקודי תשע"ז – צעברעך נישט קיין משפחות
3, 77: ג' ויקהל-פקודי תשע"ז – א טיש אדער א פאס
3, 78: ד' ויקהל פקודי תשע"ז – וועלכע סארט שידוך זוכסטו?
3, 79: ה' ויקהל פקודי תשע"ז – קוק נישט צוריק
3, 80: א' ויקרא תשע"ז – הונגעריג ווי א בער

4, 82: ב' ויקהל-פקודי תשע"ח – התבודדות
4, 83: ג' ויקהל-פקודי תשע"ח – נישט איבערציען דעם שטריקל
4, 84: ד' ויקהל-פקודי תשע"ח – טו אן תפילין
*4, 85: ה' ויקהל-פקודי תשע"ח □ לטהר טמאים לטמא טהורים
4, 86: ג' ויקרא תשע"ח – ארויס פון מצרים
4, 87: ד' ויקרא תשע"ח – שוין נענטער צו פסח
4, 88: ה' ויקרא תשע"ח – חומרות אן נערוועזקייט

5, 91: א' ויקהל תשע"ט – וואס איז נאך די חתונה?
5, 92: ג' ויקהל תשע"ט – א פיינע מקוה
5, 93: ה' ויקהל תשע"ט – סיום משניות, הבחור אברהמי אלטמאן
5, 95: א' פקודי תשע"ט – שפיי נישט צוריק

5, 96: ד' פקודי תשע"ט – איך וויל זיין פרייליך
5, 97: ב' ויקרא תשע"ט – קיינער דארף מיר נישט
5, 98: ג' ויקרא תשע"ט – שמייכלען ווען עס איז שווער

6, 95: א' ויקהל-פקודי תש"פ – דער פחד פון קאראנע
6, 96: ב' ויקהל-פקודי תש"פ – די עצה אויף קאראנע
6, 97: ה' ויקהל-פקודי תש"פ – בלייב אינדערהיים
6, 98: ב' ויקרא תש"פ – ווער האט אריינגעברענגט קאראנע?
6, 99: ב' ויקרא תש"פ – שבע ברכות להחתנים ר' יחזקאל שארף ור' שרגא שטראססער הי"ו
6, 100: ד' ויקרא תש"פ – וואו כאפט מען קאראנע?
6, 101: ד' ויקרא תש"פ בקרית ברסלב – עס קומט שוין פסח

**שיעורים פאר אינגלייט:**

~דרוקט 1 פאר אידיש, 2 פאר שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א און דערנאך 2 פאר וועכנטליכע דרשות~

3, 19: ד' ויקהל פקודי תשע"ח – געדולד צו קינדער
3, 20: ב' ויקרא תשע"ח – פארשטיין די ווייב

4, 18: ה' ויקהל תשע"ט – אביסל איז אויך גוט
4, 19: ה' פקודי תשע"ט – לייג צו א פינגער
4, 20: ה' שמיני תשע"ט – מאך פרייליך דיין ווייב

5, 20: ה' ויקהל-פקודי תש"פ – גענוג געוועזן מיט קאראנע
5, 21: ה' ויקרא תש"פ – וואס לערנט אונז קאראנע?